בס"ד, שיחת י"א ניסן תשכ"ב. הנחה בלתי מוגה.

א. ער זאגט אין מדרש אויפ'ן פסוק כל הנשמה תהלל י-ה הללוי', אז באמת איז על כל נשימה ונשימה דארף מען לברך להשם, וואס דאס איז דער פירוש כל הנשמה, אז די נשמה - ווי ער זאגט אין רמב"ם אז די ווערט אנגערופען אזוי פון לשון נשימה - איז תמיד דארף זיין אין אן אופן פון תהלל י-ה, ווארום כל נשימה ונשימה איז דאס אן ענין פאר וועמען מדארף אפגעבען א שבח והודאה והילול.

פונדעסטוועגען זעט מען דאך אז אע"פ אז דאס איז א דבר צריך - ווי ער זאגט אין מדרש - איז אעפ"כ איז דאס ניט מנהג העולם, וואס דאס איז דאך ניט מנהג העולה פון לשון העלם והסתר אליין, אפילו פון בני ישראל.

וואס בכללות איז דאס, ווי די גמרא זאגט אז כל האומר הלל בכל יום הרי זה מחרף, אז אע"פ וואס דער גאנצער קיום העולם איז דאך דאס גופא מער ניט א ענין נסי, ווי ער איז מבאר בארוכה אין שער היחוד והאמונה אז פונקט אזוי ווי ששת ימי בראשית האט מען דאך יעמאלט געזען אזוי ווי עס ווערט נתהווה א יש מאין, אזוי איז דאך בכל יום תמיד, און ווי חסידות איז מבאר אז דא איז ניט דער דיוק בכל יום, נאר בכל רגע, און בשעת הבריאה איז דאך דעמאלט געווען די בריאה במוחש ונראה לעיני בשר, איז דאס דערפאר דער גרעסטער ענין וואס קאן זיין אין הלל.

משא"כ אבער בכל יום איז אע"פ וואס מ'ווים בשכל אז דאס ווערט נתהווה בכל רגע מאין ואפס המוחלט ווי דאס איז געווען בששת ימי בראשית ממש, אבער מצד דערוף וואס דאס איז חידוש הישנות, האט דער אויבערשטער פאנאנדערגעטיילט על פי הוראתו בתורתו, אז פון דעמאלט אן זאל מען זאגען הלל ניט אויף אן ענין וואס עולם כמנהגו



נוהג,

נוהג, חידוש הישנות, נאר דעמאלט ווען מ'זעט א נס וואס ער איז נראה א חידוש לעיני בשר, און מ'דארף גארנים אנקומען אפילו צום שכל.

וואס דאס איז דאך אויך איינע פון די טעמים וואס מ'זאגט אז מ'זאגט נים קיין הלל בפורים, דערפאר וואס עבדי דאחשורוש אנן, וואס דער פירוש אין דערוף איז, אז דעמאלט איז דער נס געווען מלובש, אז מען האט געדארפט בדרך הטבע - כנראה לעיני בשר - אנקומען צו אחשורוש'ן, דערפאר וואס ער איז בעווען דער מלך אין די קכ"ז מדינות, איז ביטול הגזירה געווען, ווי עס האט זיך אנגעזען בטבע און שכל, על ידי דרכי הטבע, איז וויבאלד אז עבדי דאחשורוש, איז דאס נים קיין סדר אויף זאגען דעמאלט הלל, כאטש אפילו דער נס איז דעמאלט נאך א געוואלדיקערער מערער.

און עד"ז איז אויך בכל יום ויום און בכל נשימה ונשימה, איז דאך דאס אויף וואס תהלל י-ה, וואס דא שטייט דאך דער שם י-ה, וואס די אותיות זיינען מורה אויף בריאת העולמות, סיי עלמא דאתכסיא סיי עלמא דאתגלייא, ווי די גמ' זאגט אין מנחות אז ביו"ד נברא העוה"ב און בה"א נברא העוה"ז - ווי ער איז דאס מבאר בתניא אין אגה"ק - איז אעפ"כ איז דאס נים מנהג ישראל, וואס מנהגם איז דאך תורה, אויף מאכען על כל נשימה ונשימה א ענין פון תהלל בגלוי.

אבער בשכל פארשטייט ער דעם ענין לאמיתתו, דארף בא עם זיין בשכל בתמידיות דער ענין פון תהלל י-ה.

עס קומט צו אבער אין דערוף א חידוש, אז בשעת עס איז דא א יום הולדת, וואס יעמאלט איז דאך, ווי מ'ברייננט א ראי' פון ירושלמי, מזלו גובר, איז דאך דער פירוש מזלו גובר בנוגע לענינים גשמיים הנראים בעיני בשר, איז דעמאלט ווערט דאס אויסגעטיילט פון כל ימות השנה.

וואס

וואס דאס איז דאך אייגע פון די ענינים וואס דער רבי דער נשיא הדור האט מגלה געווען, דער ענין פון יום ההולדת וענינים הקשורים בו.

און דעמאלט איז דער ענין, כמבואר און שוין נעתק געווארען אין היום יום פון דעם רבי'ן דעם נשיא'ס א בריוו, אז ביום ההולדת דעמאלט דארף מען זיך מתבודד זיין און מתבונן זיין אין די ענינים שעברו, און מתקן זיין דאס וואס מ'דארף האבן א תיקון.

ד.ה. אז אמת טאקע דאס איז אן ענין פון חידוש כח מלמעלה, ואדרבה, דאס ווערט אנגערופען מזלו גובר, – אע"פ וואס עס איז דאך אין מזל לישראל, איז דאך חסידות אין דערוף מדייק אז דאס וואס איז העכער פון מציאות "יש", דאס איז דער מזל לישראל, ד.ה. א העכערער אופן אין מזל, און אין דערוף קומט נאך צו אן ענין של התגברות.

וואס דערפאר האט מען דעמאלט א ביחוד'דיקע נתינת כח ועזר מלמעלה אויף לתקן את כל מה שהי' בעבר.

דערמיט איז אויך פארשטאנדיק פארוואס עס האט געקאנט אדורך ביין אזוי פיל הונדערטער יאהרן און מ'האט נים געוואוסט פון דעם ענין פון יום הולדת בהנוגע צו ענינים ע"ד ווי תהלל בגילוי, דערפאר וואס עס איז געווען נוגע בעיקר צו תיקון העבר וואס דעמאלט גים מען דעם נתינת כח ביותר.

וואס דערפאר איז דאס אויך דאס וואס מ'געפינט דאך אז אע"פ אז עס איז דא א נתינת כח ביותר ביז אין ענינים גשמיים, אין איך וואס דארף מען דאס אויסניצען בעיקר, דוקא אין ענינו תשובה ותיקון.

ומי לנו גדול פון יום יום ההולדת פון שלש עשרה שנה, וואס אויף

אויף דערויף איז ער דאך מפרש אין זוהר אז אני היום ילדתיך, וואס דאס גייט אויף ווען עס גייט ארויין דער נפש דקדושה בשעת עס איז דא דער יום ההולדת פון דרייצען יאר.

ביז וואנעט ווי ער זאגט אין זוהר חדש אז דעמאלט איז דאס אן ענין פון א שמחת חופה, ביז אז מ׳פארגלייכט דאס אמאל גאר צום ענין פון מתן תורה, וואס דאס איז דאך מובן אויך בנגלה, וויבאלד אז דעמאלט ווערט מען דאך א מחוייב בתורה ובמצוותי׳.

און אעפ"כ איז דעמאלט דער סדר אז פון אמירת תחנון איז מען ניט באפרייט געווארען.

לכאורה, ווי ער איז מבאר אין זוהר חדש אז עס איז געווען א שמחה גדולה ביז וואנעט אז עס איז געווען דארטען מסובב בענין וכו׳ וכו׳ - ווי ער דערציילט דארטען באריכות - וואס האט דעמאלט א ארט אויף אמירת תחנון,

איז דער רבי, דער נשיא, האט דערציילט אז מ׳האט געפרעגט פארוואס בא חסידי חב"ד איז די הילולא פון די רביים איז דאס ניט פארבונדען מיט ביטול אמירת תחנון.

האט דער רבי דער נשיא געענטפערט אז דער צמח צדק האט געזאגט אז וויבאלד אז עס איז א עת רצון, איז וואו איז נאך דא א בעסערער צייט אויף זאגען תחנון און אויפטאן דאס וואס תחנון דארף אויפטאן.

און עד"ז ומעין זה איז בכל יום ההולדת, איז אע"פ וואס מזלו גובר, איז פונדעסטוועגען איז די עיקר ענינו אויף לתקן די אלע ענינים וואס דארפן האבען תיקון, און אויסניצען אויף דערויף די תגבורת המזל.

אעפ"כ איז אויך דא עניני העולם און מנהגי העולם ביז וואנעט אז עס איז אויך געקומען בהוכבי בני ישראל, אז עס איז דא יום

הולדת

הולדת מיוחדים, וואס זיי טיילט מען אויס פון סתם ימי הולדה.

בכללות איז דאס מעשר שנה לעשר שנה ווי די משנה איז מחלק, אז נאך דערויף ווי מ'ווערט בר-מצוה, און נאך דערויף וואס מ'ווערט בן עשרים שנה וואס דעמאלט איז דאך שלימות האדם, וואס דערפאר איז דאך דער דין ולמכור בנכסי אביו, וואס דאס איז תכלית השלימות, הייבט זיך דאס אן ערשט בעשרים שנה, און דערנאך איז די חילוקי התקופות זיינען מעשר שנה לעשר שנה, בן עשרים בן שלשים א.א.וו.

ביז וואנעט אז במיוחד אויף די יום הולדת הששים, איז דעמאלט דערציילט דאך די גמ' אין מועד קטן, אז רב יוסף כי הוה בר שיתין שנין עביד יומא טבא לרבנן, און איז מבאר דער טעם אז נפקא מכרת דשנה, א"ל אביי צי נפיק מכרת דיומא, האט אים געענטפ-ערט רב יוסף נקוט מיהא פלגא בידך, אז בנוגע כרת דשנה האט ער דאך נפקא, איז דערפאר האט א ארט צו מאכען די יומא טבא לרבנן.

און ווי כרגיל בכמה ענינים איז די קשיות היותר פשוטים איז זיי פארקוקט מען, און אזוי איז אויך אין דעם ענין פון ר"י כי הוה בר שיתין שנין,

וואס לכאורה איז דאך דאס לגמרי ניט מובן, וויבאלד אז די גמרא דערציילט דעם ענין פון ר"י כי הוה בר שיתין שנין, און זאגט אויך א מילתא בטעמא אז נפקא מכרת דשנה, האט דאך געדארפט אפגעפס-קנ'ט ווערן אין שו"ע אז מ'ווערט בר שיתין שנין זאל מען מאכען א יומא טבא לרבנן, און אומעטום וואו עס איז דא פסקי דינים ווערט דער ענין ניט געבראכט.

וואס דאס איז דאך מכ"ש וק"ו, וואס מ'געפינט נאך א ענין וואס שטייט עד"ז און דאס איז וואס די גמ' זאגט אין שבת אמר אביי אז צורבא דרבנן כי סיים מסכת עביד יומא טבא לרבנן, און ער זאגט

אויף

אויף דערויף "תיתי לי", זיינען מפרשי הגמ׳ מפרש אז דער ענין פון תיתי לי איז דאס אן ענין פון מדת חסידות, מערגיט ווי א הידור על הנהגה הצריכה להיות, ווארום אז ניט, איז דאך ניט שייך זאגען דעם לשון תיתי לי, ער דארף דאך דאס טאן, און אזוי דארף זיין, און אז מ׳זאגט תיתי לי איז דאס א הידור נוסף.

און אויף דערויף זאגט מען אז וויבאלד אז אביי האט געזאגט תיתי לי, אז ער האט געמאכט א יומא טבא ווען א צורבא מרבנן הוה מסיים מסכת, פסקנ׳ט דאס אפ דער רמ"א אז בשעת מ׳איז מסיים א מסכת זאל מען מאכען א יומא טבא, א סעודה, ביז וואנעט אז דאס ווערט אנגערופען סעודת מצוה.

איז אויב מ׳זאגט אזוי אויף א ענין פון תיתי לי, איז דאך אעכו"כ אז דאס האט געדארפט זיין א דין אין שו"ע בנוגע צו כד הוה בר שיתין שנין.

און נאך איז ניט פארשטאנדיק, וואס דאס איז אויך א קושיא פשוטה, און ווי אלע קושיות פשוטות דוקא אויף דערויף שטעלט מען זיך ניט אפ.

רב יוסף איז געווען ווען עס איז שוין געווען די לעצטע דורות פון אמוראים, ניט דער לעצטער דור אבער נאענט צו דעם לעצטען דור, איז דאך פאר רב יוסף געווען כמה דורות אמוראים, ולפני זה איז געווען כמה דורות תנאים, און דאס איז א זיכערע זאך אז צווישען די אלע תנאים ואמוראים זיינען געווען מאות ומאות אזעלכע וואס זיי האבען דערגרייכט שיתין שנין און מערער.

און מ׳זעט בפועל אז בא וועמען געפינט מען דעם ערשטען מאל אז די גמרא זאל דערציילען אז עבד יומא טבא לרבנן פאר שיתין שנין, געפינט מען דאס בא רב יוסף׳ן, איז דאך אינגאנצען ניט פארשאנדיק

וואס

וואס האט זיך געטאן בדורות שלפניו.

און נאך אן ענין וואס איז דא ניט פארשטאנדיק, וואס בשעת אביי האט געפרעגט בא איס אז מכרת שנים סאקע נפק, אבער מכרת דיומא מי נפק, האט ער אים געענטפערט נקוט מיהא פלגא בידך, איז ניט פאר-שטאנדיק וואס קומט דא ארויס פון א האלבע זאך, אויב ער איז ניט ארויס פון דעם גאנצען ענין פון כרת ר"ל.

וועט מען דאס פארשטיין בהקדם וואס אויף דעם גאנצען ענין איז דא א קשיא פון דעם אלטען רבינ"ס א ביאור, וואס די קשיא פאר-ענטפערט די פריערדיקע אי מובנים.

און דאס איז וואס דער אלטער רבי שרייבט אין אגה"ת אז אע"פ וואס עס איז דאך דא הגבלות פון כרת און מיתה בידי שמים ר"ל, וואס דאס איז עד חמישים שנה און עד ששים שנה, און מ'זעט אז כו"כ וואס נתחייבו בזה, און האריכו ימיהם ושניהם בנעימים.

און ער פארענטפערט אז דאס איז וואס עס איז געווען די הגבלה פון נ' שנה און ס' שנה, איז דאס געווען קודם חורבן הבית, וואס דעמאלט איז געווען די שכינתא ניט בגלותא, איז במילא אזוי אויך יעקב חבל נחלתו, ווי ער איז מפרש אז דער חיות פון א אידן אפילו פון זיין גוף הגשמי נעמט זיך דאס פון חבל נחלתו, הוי' הוא נחלתו, איז מצד דערויף וואס שכינתא איז ניט געווען בגלותא, איז כל זמן עס איז געווען דער חבל בשלימות איז ער געווען חי, בשעת עס איז געווען אזא עוון וואס עונשו כרת ומיתה דערפאר וואס ער איז פוסק וכורת החבל האט ער ניט געהאט פון וואנעט צו האבען חיים, האט דאס אנגעהאלטען, מצד הרשימו ווי ער איז מפרש, עד נו"ן וסמ"ך שנה, און דערנאך האט דער גוף הגשמי ניט געהאט פון וואס צו לעבען.

משא"כ משחרב הבית און שכינתא איז אוועקגאנגען בגלותא, איז

אויך

איך דער חיות פון אידען איך אוועקגעגאנגען בגלות אין די שרים פון יעדע מדינה פון וועלכע מען געפינט זיך, איז דעמאלט דער חיות זייערער ביים דאך ע"י השרים, אפילו דער חיות דקדושה, וואס דעמאלט קען זיין אז אפילו חטא ופגם ועבר את הדרך ביז צו א ענין וואס עונשו כרת ומיתה וואס כורת ופוסק החבל, וויבאלד אבער אז עי"ז קומט צו חיות אין לעו"ז וביחוד אין דעם שר פון דער מדינה, איז ער נוטל חלק בראש, און דער שר פון דער מדינה איז עם משפיע חיות, נאר דאס איז ממקום המיתה, אבער אין גוף איז דאס ניט ניכר.

וואס דערמיט ווערט דאך פארענטפערט דאס וואס רשעים בחייהם קרויים מתים, איז דאס ניט ווי עולם איז מפרש אז דאס ווען זיי לעבן ווערן זיי אנגערופען מתים, נאר ווי חסידות איז מפרש אין פנימיות הענינים אז אין זייער חיות זיינען זיי מתים, דערפאר וואס זייער חיות נעמט זיך פון מקום המיתה.

דאס אבער וויסט מען מצד שכל און בעיקר דער נפה"א, בנוגע לחיות הגוף כפשוטו און אויך פון נפה"ב, איז דעמאלט קאן ער האבען חיות פון מקום המיתה וואס קרויים מתים, און דער גוף ביים ארום און לעיבי בשר זעט זיך א גוף חי, וואס דאס איז דאך ניט א מציאות בלתי אמיתית, אין דערוף איז דאך דא דער חסד עליון און דערווייילע האט ער דאך א געלעגענהייט אויף טאן תשובה, במילא וועט ער דאך עוקר זיין את החטא מעיקרו, ביז וואנעט ער וועט ווערען אהוב וחביב נאך מערער ווי קודם שחטא, ד.ה. אז דאס איז ניט א מציאות וואס זי איז נימא, נאר דאס איז א מציאות ע"פ תורה, כאטש אפילו חייהם זיינען ממקום המיתה.

אבער דאס וואס מקום המיתה קאן געבען חיים איז דאך דאס מצד דעם ניצוץ אלקי וואס געפינט זיך דארטען, ס'איז דאך ניט ח"ו אז זיי קענען געבען חיים, אפילו ניט חיים בשריים, איז מצד דעם ניצוץ אלקי קאן ער

קאן ער סוכ"ס אז בל ידח ממנו נדח, און דאס בייט ארום א אמת'ע מציאות ביז וואנעט אז ער טוט תשובה ומתקן את כל קלקלתו.

און מצד דערוף איז פארענטפערט דער גאנצער ענין וואס מ'האט בעזאגט פריער פארוואס מ'געפינט ניט אז בא אמוראים ותנאים שלפני ר"י זאלען מאכען א יומא טבא לרבנן כד הוה בר שיתין שנין, וואס אע"פ אז זיי זיינען דאך געווען סמוכים איש מפי איש עד משה רבינו, אפילו די וואס זיינען ניט געווען קיין מוסמכים, זיינען זיי דאך געווען דער תלמיד ותיק וואס ער איז מגלה מה שניתן למשה מסיני, מצד דערוף וואס זיי האבען אין זיך אליין ניט געגלייבט, האבען זיי ניט מסביר געווען זייער מעלה אויף צו קאנען זיין אז זייער חיות זאל זיין ניט ממקום הקדושה.

וואס דאס איז מצד עניוות, און דערנאך קומט נאך צו נאך אן ענין מצד דערוף וואס אל תאמין בעצמך עד יום מותך, וואס דאס איז דער ענין פון כרת דיומא, אז אמת טאקע אז ס'איז בעקומען צו כרת דשנה, איז געווען מערניט ווי דער טעם מצד עניוות, איז אמר רבה אנא בינוני, במילא קאן זיין דעמאלט אז עס זאל זיין אן ענין אז חיותו זאל זיך ניט נעמען ניט מצד הקדושה אויך, דערפאר וואס עס איז דאך זה וזה שופטן, און ער דארף האבען א מלחמה תמידית, כאטש אפילו לא פסיק פומי' מגירסא ווי ער איז מבאר בארוכה אין תניא, קומט נאך צו נאך אן ענין בזה אז וואס איז די פעולה אז נפק מכרת דשנה בשעת עס פעלט נאך אין כרת דיומא.

וואס דערפאר געפינט מען ניט דעם סיפור המעשה וואס עביד יומא טבא לרבנן ביז ר"י.

איז דאך לכאורה ניט פארשטאנדיק, די זעלבע סברא איז דאך דא בנוגע צו רב יוסף'ן אויך.

איז אבער דא בא ר׳ יוסף צווי ענינים, איין ענין וואס בא אים איז געווען א הוכחה אז דער חיי הגוף שלו האט זיך בינומען מערניט ווי מצד הקדושה, אצווייטער ענין וואס עס איז דא בא רב יוסף׳ן אויף אראפנעמען די שאלה ושוב יום אחד לפני מיתתך, דערפאר וואס אל תאמין בעצמך עד יום מותך, איז דאס אויך ניט געווען שייך בא רב יוסף׳ן.

וואס דאס איז דער סיפור וואס מ׳געפינט בא רב יוסף׳ן אז שלחו מתמן סיני ועוקר הרים הי מינייהו עדיף, דאס דערציילט די גמרא אין סוף ברכות אז מ׳האט געדארפט ממנה זיין א ראש ישיבה און ס׳איז געווען דעמאלט רבה ורב יוסף, וואס רבה׳ס ענין איז געווען בעיקר דער ענין פון עוקר הרים, דער ענין הפלפול, און ר׳ יוסף׳ן ענין איז געווען בעיקר מרי חיטי, דער ענין פון בקיאות, און מ׳האט אנגעפרעגט ווועמען מ׳זאל ממנה זיין פאר ראש ישיבה, האט מען געענטפערט סיני עדיף, הכל צריכים למארי חיטי, אז מ׳דארף ממנה זיין פאר א ראש ישיבה דעם וואס איז א בקי, ווארום מ׳דארף פסקנ׳ן א הוראה והלכה למעשה, וואס דאס איז דאך דער עיקר ענין התורה, גדול לימוד שמביא לידי מעשה, איז הכל צריכים למארי חיטי, אפילו דער וואס ער איז א עוקר הרים.

די גמרא איז מסיים אין סוף ברכות און אויך אין סוף הוריות, אז אעפ"כ אז מ׳האט דאך געוואלט ממנה זיין רב יוסף׳ן האט ער, ר"י, ניט מקבל געווען, און צווי און צוואנציג יאר האט מען ממנה געווען רבה, און צוויי און צוואנציג יאר איז רבה געווען ראש ישיבה, און דערנאך ערשט איז מלך רב יוסף ומלך תרתי שנין.

דערנאך איז די גמרא מסיים אז די אלע צוויי און צוואנציג יאר איז אומנא לא חלף בביתי׳. איז ברייננט דער תוס׳ הרא"ש עטליכע פירושים, און אויף איין פירוש לבסוף זאגט ער אז דער פירוש סבירא



לי׳,

לי, און דער פירוש איז עס געפעלען און ער נעמט דאס אן.

אז דער פירוש פון עשרים ושתים שנה לא חלף אומנא אביתי' איז, אז מצד דערוף וואס ר"י האט באווייזען די ענוה און האט ניט מקבל געווען די התמנות, איז די גאנצע צייט פון די נשיאות פון רבה בר נחמני איז ר"י און זיינע בני בית האבען ניט בעדארפט קיינמאל אנקומען צו א אמנא, צו א רופא.

וואס דאס איז דאך לגמרי היפך פון הנהגת העולם, און ווי דער דין איז דאך אז א ת"ח טאר ניט לעבען אין קיין שטאט וואו עס איז ניטא קיין רופא, דערפאר וואס דאס איז אן ענין וואס אין טבע העולם דארף מען האבען א רופא, און דא איז געווען צוויי און צוואנציג יאהר נאך אנאנד ניט נאר ר"י אליין נאר כל בני ביתו פאר קיין איינמאל ניט געווען בא קיינעם פון אן ענין פון העדר הבריאות.

וואס דאס איז דאך א הוכחה במוחש אז דער חיות נעמט זיך אינגאנצען פון מקום הקדושה, און וויבאלד אז יראת הוי' לחיים, אז דארט וואו עס איז דא מערער יראת השם דארט איז דא מערער חיים, דערפאר וואס יראה איז דאס איז די כלי אויף האבען דעם אויבערשט־ענס המשכה והשפעה לחיים וכל טוב, איז דא אזוינע וואס מצד גלות השכינה האט אויף זיי געפועל'ט ביז וואנעט אז בא זיי קאן זיין באופן שונה, האט אבער ר"י געזען, און דאס איז געווען אין אן אופן וואס אלע ארום עס האבען געזען אז ר"י און זיין גאנצע הויז פירט זיך אין אן אופן אז עס האט א שייכות מערניט ווי מיט קדושה.

במילא אז ער איז הגיע לבר שיתין שנין איז בא עם געווען די הוכחה אז ער איז ארוים מכרת דשנים, ווארום ער זעט אז העדר הבריאות איז ניטא, און דאס איז מצד הענוות, מוז מען דאך זאגען

אז דער

אז דער חיות נעמט זיך מצד הקדושה, ובהכרח שנפק מכרת דשנים.

אמר לי' אביי - אביי האט דאך געזען אז ער מאכט א יומא טבא לרבנן, האט ער געדארפט באווארענען וואס וועלען זאגען די וואס זיינען מחוץ הימנו, האט ער אים געזאגט אז אמת טאקע מכרת דשנים נפק מר, אבער מכרת דיומא מי נפיק.

האט אים ר"י געענטפערט, אז אמת טאקע, נקוט מיהא פלגא בידך, אז ער איז ארויס מכרת דשנה, וויבאלד אבער ער האט די פלגא איז בדרך ממילא האט ער קיין שייכות ניט צו כרת דיומא.

ויובן זה בהקדם וואס ער זאגט אין מדרש, אז דער אויבערשטער האט געזאגט יעקב'ן "אלקי אברהם ואלקי יצחק" זאגט ער אין מדרש אז אין הקב"ה מיחד שכינתו על החיים, דערפאר וואס אל תאמין בעצמך עד יום מותך, מייחד זיין די שכינה קאן מען דארטען וואו מ'איז בטוח אז אזוי וועט דאס בלייבען, און עס איז דאך צדיק ורשע לא קאמר, והכל בידי שמים חוץ מיראת שמים, איז אע"פ וואס למעלה איז דאך דער ארט וואו עס איז ידוע אז עד יום מותו וועט ער זיין א צדיק גמור, אבער עס זאל אראפקומען בגלוי מען זאל זאגען אלקי יצחק בשעת ער איז בחיים חייתו, קאן מען ניט, וויבאלד אז דעמאלט וועט דער דיבור עם מכריח זיין אז ער מוז בלייבען א צדיק, און דער ידיעה שלמעלה איז דאס אין אן אופן אז דאס איז ניט מכריח די בחירה שלמטה, וואס דערפאר בלייבט זי דאך במחשבה און קומט ניט אראפ בדיבור.

פרעגט דער מדרש, אז אויב אזוי, פארוואס האט ער געזאגט אלקי יצחק נאך בחיים חייתו של יצחק, און פארענטפערט דער מדרש אז דאס איז דערפאר וואס יצחק איז דעמאלט געווען ותכהינה עיניו מראות - ער איז געווען א סומא ר"ל, וואס סומא חשוב כמת, במילא בייט ער



ניט ארייז

נים ארײן אין דעם בדר וואס אינו מייחד שכינתו על החיים, דערפאר וואס ער איז חשוב כמת.

און דאס איז לכאורה אינגאנצען נים פארשטאנדיק דאס וואס אינו מייחד שכינתו על החיים, אויב דער טעם איז טאמער וועט ער דערנאך טאן א עבירה, איז וואס איז נוגע וואס סומא חשוב כמת לגבי אנדערע ענינים, ער האט דאך א בחירה און קאן דערנאך טאן א דבר בלתי רצוי, היינט ווי איז מען מייחד שמו עליו.

נאר דער ביאור אויף דערוף איז, אז דאס רעדט זיך בא סומא חשוב כמת, אזא מין ענין פון סומא וואס דאס איז פארבונדען מיט ירא"ש אז אויב ער האט בא זיך געפועל'ט אז חשוב כמת, כדי עס זאל זיך אויספירען אן ענין של ירא"ש, איז דעמאלט מייחדים שמו עליו, דערפאר וואס דאס איז אזא מין מס"נ, דערפאר וואס ער האט זיך אינגאנצען אבגעגעבען, אפילו עניני הגוף שלו, ווארום חשוב כמת מיינט מען דאך דעם גוף, נים די נשמה.

און אזוי איז דאך געווען בא יצחק'ן אז ותכהינה עיניו מראות, און ווי ער זאגט אין מדרש אז אזוי ווי כלותיו נשי עשיו הרשע האבען מקטיר געווען לע"ז, איז דערפון איז געווארען ותכהינה עיניו מראות.

וואס לכאורה איז נים פארשטאנדיק, אמת טאקע כעשן לעינים איז דאס א זאך וואס עס טויג נים, אבער מ'זעט דאך כמה ענינים כמה אנשים וכמה נשים וואס בא זיי איז געווען דער ענין, און עשיו הרשע ונשותיו לכל לראש, און זיי זיינען נים געווארען קיין סומים.

נאר דאס איז ע"ד ווי חסידות ברײנגט אראפ א סיפור המעשה מיט ר' נחום טשערנאבעלער, אז ער איז געגאנגען פרייטיג ביי נאכט,

 ארײנגעגאנגען

ארייננעבאנגען אין א צימער, און געדארפט דערגרייכען צו א ארט און געטאפט די וועג אהין צו, האט מען בא עם געפרעגט עס ברענט דאך א ליכט, פארוואס טאפט ער, האט ער געענטפערט, ער זעט ניט קיין ליכט, ער זעט ניט א ליכט וואס זאל ברענען, האט זיך דערנאך ארויסגעוויזען אז דאס איז געווען א ליכט וואס מ'האט איר אנגעצ-ונדען באיסור, און וויבאלד אז דאס איז געווען א ליכט וואס די ליכטיקייט אירע איז געווען א אסור'דיקע, איז דער צדיק וואס האט דורכגעארבעט מיט זיין גוף, איז עם לייכט זי ניט, דערפאר וואס אין חיות מצד הקדושה איז ניטא דער חיות.

וואס דאס איז אויך בשעת עס איז געווען א קטורת, א עשן, וואס איז פארבונדען מיט ע"ז, איז דאס פועל'ט בא א צדיק גמור אז ער זאל זיין ותכהינה עיניו - ער זעט ניט, און וויבאלד אז דאס איז א סומא חשוב כמת וואס איז פארבונדען מיט יר"ש, איז דערפאר איז מיוחד שמו על החיים.

וואס דאס איז אויך די צוויי טייטשען וואס עס איז דא אין סומא פטור מכל המצות, און איינע פון די טעמים שטייט אויף דערוף אז דאס איז ע"ד ווי במתים חפשי, און סומא איז דאך חשוב כמת.

איז דאך לכאורה ניט פארשטאנדיק, דאס וואס במתים חפשי איז דאס דערפאר וואס דעמאלט איז קיין יצה"ר ניטא, און וויבאלד אז עס איז ניטא קיין יצה"ר איז דעמאלט ניט שייך האבען שכר על עשיית המצוה און ציווי על זה, אבער וואס האט דאס א שייכות צו א סומא חשוב כמת, דער יצה"ר לכאורה איז דאך דא.

נאר וואס דען, אין דערוף איז די צוויי אופנים, אדער דאס איז מצד ביטול הגוף אדער דאס איז מצד דערוף וואס די נשמה האט ער ממית געווען אין א אופן של יר"ש, איז דעמאלט איז דאס ע"ד ווי



במתים

במתים חפשי בא עס איז ניטא קיין יצה"ר.

וואס דאס איז אויך געווען בא ר"י, אויף ארויסנעמען מכרת דיומא דערציילט דאך די גמ׳ בכ"מ אז ער איז געווען א סגינהור, ברייגגט דער ר"ן און רמב"ן אין קידושין אז אזוי ווי ר"י האט ניט געקאנט אויספירען בא זיך דעם ענין פון שלא להסתכל חוץ לד׳ אמות, האט ער געטאן כמה עצות ביז וואנעט ער איז געווארען א סגינהור.

און דאס איז דאך א ענין פון סומא וואס איז פארבונדען מיט ירו"ש ע"ד ותכהינה עיניו, ער וויל ניט זען מחוץ לד"א דערפאר וואס דאס האט צו עס קיין שייכות ניט, איז דאס א ענין עבודה שהיא זרה לו, איז דאס איז ניט זיין חלק בעולם, איז דער ענין פון סומא ווערט ע"ד ווי במתים חפשי, פטור מן המצות.

און דעמאלט איז מייחד שכינתו על החיים דערפאר וואס ער איז בטוח אז דעמאלט וועט ער שוין גיין אין דעם זעלבען הנהגה אין דעם זעלבען דרך עד יומו האחרון עלי אדמות.

וואס דאס איז אויך בד"א אוים מ׳איז בטוח אז אלע זיינע ענינים פירען זיך מצד הקדושה, ווארום אז ניט, קאן דאך זיין עס זאל זיין א ענין של סומא און עס זאל זיך נעמען מצד בריאות הגוף אויך, וויבאלד אבער בא ר"י איז געווען דער סדר פון כ"ב שנה לא עבר אומנא אביהי׳, וואס דער חיות זיינער איז געווען מצד הקדושה, וואס דערפאר איז נפק מכרת דשנה, בא עס געווען א דבר ברור, און ביחד עם זה איז פון דעמאלט איז ער אויך געווען א ענין של סומא, א ענין של סגינהור, איז דערפאר איז בא עס בפרט איז געווען דער ענין פון כרת דיומא אויך נפק מצד דערוף וואס פריער איז געווען דער כרת דשנים.

און דערפאר שטייט ניט אז נאך דערוף וואס אביי האט עס

בעענטפערט האט ער דעמאלט מבטל געווען ח"ו דעם יומא טבא לרבנן, ער האט אים דעמאלט אויך אנגעהאלטען דערפאר וואס בא עם בפרט איז אמת טאקע א ראי׳ אויף נפק מכרת דיומא בפ"ע וואלט ניט געווען מצד דערוף וואס נפק מכרת דשנה לפי זה, איז דאס איז אויך געווען א הוכחה אויף די צווייטע פלגא.

און ס׳איז אויך פארשטאנדיק וואס ער זאגט אויף דערוף נקוט מיהא פלגא בידך, פלגא איז שייכות זאגען אויף א האלבע פון א גאנצע זאך, כרת דשנה און כרת דיומא איז דאס צוויי באזונדערע זאכען, און ס׳איז דא אין כרת גופא נאך פרטים ע"ד ווי ערירי און נאך פרטים וואס עס איז דא אין כרת, איז וואס רופט מען כרת דשנה לגבי כרת דיומא א ענין פון פלגא.

נאר דאס איז די הוכחה, אין דער זאך גופא איז דא צוויי ענינים, צי דאס נעמט זיך פון חיות דקדושה, און צי דאס נעמט זיך ע"ד ווי דער אלטער רבי איז מבאר אין אבה"ת, און אין דערוף גופא איז דא די צוויי זאכען וואס מ׳דארף באווארענען, מ׳דארף באוואר-ענען דעם אל תאמין בעצמך עד יום מותך, און באווארענען אויך דעם צווייטען ענין עס זאל זיין חיות מערניט ווי פון קדושה.

און מיט די צוויי ענינים איז געווען בשלימות בא רב יוסף׳ן און דערפאר איז עביד יומא טבא לרבנן.

און דערפון איז אויך פארשטאנדיק נאך א דיוק, וואס אויף דערוף שטעלט מען זיך אויך ניט אפ;

פארוואס איז עפעס געווען וואס עביד יומא טבא לרבנן דוקא, ס׳איז געווען בא עם א שמחה, איז בשעה עס איז דא בא א אידן א שמחה, לאדנט מען איין אלע ידידים וקרובים און די אלע וואס זיינען עמיתך אדער בתורה אדער במצות, וואס דוקא יומא טבא לרבנן.

בא מסיים מסכתא ועבד יומא טבא לרבנן איז פארשטאנדיק, דערפאר וואס דאס רעדט זיך וועגען לימוד התורה, אבער בשעת ער עביד יומא טבא לרבנן דערפאר וואס נפק מכרת דשנה און דיומא, און ער העט לעבען חיים טובים וארוכים, זיינען דאך אלע שמח, די אלע וואס זיינען געווען בדורו, און די אלע וואס האבען דורך עס באקומען זייערע ענינים, איז וואס איז דא געווען די הגבלה פון לרבנן.

נאר אין דערוף בופא האט מען געדארפט האבען די באווארעניש אז מ'זאל ניט מיינען וויבאלד ס'איז געקומען צו ששים שנה, איז דעמאלט דארף מען פארגעסען אויף זהירות און מ'דארף פארגעסען אויף הידורים און מ'קאן זיך פארלאזען אז מ'וועט קיינמאל ניט נכשל ווערען, און מקאן זיך לייגען שלאפען, ער דארף מער קיין עבודה ניט האבען, האט מען געדארפט באווארנען די אלע באווארענישן אז לאו כל מוחא סביל דא, און וויבאלד מ'דארף האבען באווארענישן איז דעמאלט אסור לאומרו בפני עם הארץ.

וואס דאס איז דאך ווי די גמרא זאגט אז מ'קאן יוצא זיין מיט ק"ש, פסוק אחד שחרית און פסוק אחד ערבית, דער ענין פון ת"ת, ואסור לאומרו בפני עם הארץ, וואס לכאורה האט מען דאך געקאנט זאגען דעם דין צוזאמען מיט די באווארעניש, אז מ'קאן טאקע יוצא זיין, און אעפ"כ דארפסט זיך משתדל זיין און לערנען מערער.

ס'איז אבער בטבע האדם אז מ'הערט די זאך וואס עס ווילט זיך הערען, און דאס ווערט נקלט במוחו, און די זאכען וואס איז ניט אזוי געשמאק איז פארגעסט-זיך פריער, און דערפאר איז אסור לאומרו, וואס עד"ז איז בא דעם עביד יומא טבא, איז אויך געווען די באווארעניש אז עס זאל זיין דוקא לרבנן.

וע"פ כל האמור לעיל איז דאך מובן אז דער ענין עביד יומא


טבא

סבא לרבנן בא שיתין שנין, איז דאס א זאך וואס איז שייכות צו יחידי סגולה, בשעת אבער עס קלייבט זיך צוזאמען אידן וואס דעמאלט איז אכל בי עשרה שכינתא שריא, ווי דער אלטער רבי זאגט אפילו איננו עוסק בתורה, איז דאס איז דאך אבער מיט אפילו אעכו"ב יא, איז יעמאלט איז דא די צווייטע עצה, אז מ'זעט א צורבא מרבנן דהוה סיים מסכת איז דעמאלט עבידנא יומא טבא לרבנן אז מ'מאכט אויך א סיום פון א מסכת איז דעמאלט איז דאך דאס א פסק דין אין שו"ע, און וואס נאך מערער זיכער זיינען דאך דא ניט די וואס זיינען ניט אין א גדר פון רבנן, אפילו אויב עס וואלט בעווען, איז די הגבלה אז עבד יומא טבא לרבנן זאגט די גמרא אין שבת, בשעת דער רמ"א ברייננט דעם דין אין שו"ע נעמטער אראפ די הגבלה און זאגט אז מ'דארף מאכען א סעודה און דאס איז א סעודת מצוה אן קיינע הגבלות.

ביז וואנעט אז די אחרונים ברייננען נאך דארט אראפ, ש"ך און ט"ז פון מהרש"ל, אז אדרבה, מען דארף איינלאדען ניט נאר ישיבה לייט, נאר איינלאדען בע"ב אויך, און מ'דארף זיי נאך אנזאגען פון פריער אויך אז זיי זאלען זיך משתתף זיין אין דעם סיום מסכת וואס דעמאלט איז דאס א סיום מסכת לכל הדעות.

און ווי יעדער סעודת מצוה האט זיך דאך אין זיך די ביידע ענינים, דאס איז א ענין פון מצוה וואס מצוה איז העכער פון די גאנצע וועלט, ביז וואנעט אז אפילו שכר מצוה, וואס דאס איז דאך א טפל למצוה איז אויך קאן די גאנצע וועלט דאס ניט אופנעמען, ווי דער אלטער רבי איז מפרש אין אבה"ק, און דא איז מען דאס מחבר מיט א ענין פון אכו"ש וואס דאך ענינים כפשוטם וואס אין דערוף איז דאך דער דין פון סעודת מצוה, און דעמאלט איז מען מאחד די שני הקצוות פון דעם ענין וואס איז העכער פון גאנץ סדר השתלשלות וואס



דאס

דאס איז דער ענין פון מצוה, ביז א ענין פון א סעודה וואס דאס איז דער אוכל ושותה וואס דאס איז דאך ניט פון די ג׳ ענינים שדומה למלאכים נאר אדרבה דאס איז פון די ג׳ ענינים וואס ער איז דומה צו למטה הימנו, און צוזאמען ווערט דאס א כלי של ברכה אויף להמשיך הברכה על כל השנה כולה.

(איך וועל מפסיק זיין מיט׳ן סיום, א רחמנות אויפ׳ן עולם, איך בין ניט מחויב פארמאטערן אייך).

ב. מ׳געפינט זיך דאך אין חודש ניסן, וואס בכלל איז דאך ענינו חדש הגאולה, וואס פארוואס ווערט ער אנגערופען ע"ש ימי הפסח חג המצות אשר בו, בפרט נאך אז אין חודש ניסן געפינט מען זיך דאך שויך נאך שבת הגדול, וואס דעמאלט איז דאך שוין געווען דער משכו וקחו לכם, דער ענין ההתחלה בענין הקרבן פסח, בפרט נאך אויב דאס איז נאך פארבונדען מיט א יום הולדת, וואס יום הולדת איז דאך פארבונדען מיט יום הבריה, איז דער יום הולדת וואס איז לפני פסח ובסמיכות לו איז דער יום הבריה איז דערנאך אין ימי הפסח.

וואס יעדער מציאות אין עולם הייבט זיך דאך אן פון תורה, עאכו"כ די ענינים וואס תחלת מציאותם איז א מציאות תורני, די גאנצע מציאות איז דאס א מציאות פון תומ"צ, וואס דאס איז דאך די מציאות פון ימים טובים, וואס די ימים מצ"ע בא ניט א אידען איז ניטא אין דערויף קיין חילוק און בא א אידען מאכט דאס תורה איבער, וואס דאס איז דאך ימים טובים בכלל און דער ראש לרגלים ימי הפסח בפרט.

וואס די מציאות פון ימי הפסח אין תושבע"פ וואס דארטען ווערט ארויסגעבעבען די אלע ענינים ובפרטיות ולבריות, ווי ער איז מבאר בארוכה אין אגה"ק, איז דאס די מסכת פסחים.

וואס די מסכת פסחים הייבט זיך אן אויך מיט א ענין שלפני פסח בנוגע צו בדיקת חמץ, וואס דאס איז די משנה ראשונה שבפסחים און פארענדיקט זיך מיט אכילת הפסח וקרבן החגיגה והזבח שאתו, דערנאך קומט דאס אראפ אין גמרא, אין תלמוד, וואס דארט איז דער סיום אז ר׳ שמלאי אקלע לפדיון הבן.

און דער סיום פון דער מסכת איז - וואס התחלתה איז, וואס ווי געזאגט פריער אז דער ש"ך ברייננגט אראפ פון שו"ת אז מ׳דארף מכריז זיין די תחלת המסכת, וואס התחלתה איז דער אור לארבעה עשר בודקין את החמץ לאור הנר, איז דער סיום איז ניט אין דער ענין פון די משנה, נאר דער סיום המסכת איז דאך צוזאמען מיט די גמרא איז דער סיפור פון פדיון הבן.

וואס אין וואס באשטייט דער סיפור והלכה, זאגט ער אז ר׳ שמלאי איז איקלע לפדיון הבן,אז ר׳ שמלאי האט זיך עם געטראפען אז ער איז געווען אין א ענין וואו מ׳האט פודה געווען בנו בכורו של איש ישראל, האט מען בא אים געפרעגט אז פשיטא שברכת פדיון הבן, אשר קדשנו במצותיו וצונו על פדיון הבן האב מברך, שהחיינו אבער ווער איז מברך, צי דער כהן מברך שהחיינו וקיימנו והגיענו לזמן הזה, דמטיא הנאה לידי׳, אדער האב דקעביד מצוה מברך, לא הוה בידי׳, אתא לבי מדרשא אמרו לי׳ אבי הבן מברך שתים. און דערמיט ענדיקט זיך די מסכת.

וואס דער פירוש אין דערוף איז, אז בשעת ר׳שמלאי איז געקומען צו א מסיבה פון פדיון הבן האט מען געזאגט אז דאס איז א דבר פשוט אז די ערשטע ברכה אשר קדשנו במצוותיו וצונו על פדיון הבן דארף מאכען דער פאטער, די ברכה אבער פון שהחיינו וקיימנו והגיענו לזמן הזה איז בא זיי א ספק, צי עס דארף מאכען דער אב דערפאר וואס ער טוט א מצוה, אדער עס דארף מאכען דער כהן דערפאר

וואס

וואס ער האט הנאה, ער באקומט דאך די חמשת סלעים, האט ר׳ שמלאי ניט געהאט דעם ענטפער, בשעת ער איז געקומען אין ביהמ"ד און געפרעגט די שאלה, האט מען עס געענטפערט אז אבי הבן מברך, אז דער פאטער דארף בענטשען ביידע ברכות.

לכאורה אין דערוף איז אויך דא ענינים וואס זיי זיינען ניט פארשטאנדיק, די ערשטע זאך וויבאלד אז דער ענין איז געווען בא זיי א פשיטא אז האב מברך על פדיון הבן, הבען זיי ניט געהאט וואס צו דערציילען דאס צו ר׳ שימלאי׳ן, ווארום וויבאלד אז זיי האבען געפרעגט בא ר׳ שמלאי׳ן איז דאך דערפון א הוכחה אז זיי האבען געזען אז ר׳ שמלאי קאן מערער לערנען פון זיי, איז אויב בא זיי איז געווען פשוט אז על פדיון הבן האב מברך, איז דאך עאכו"כ אז בא ר׳ שמלאי איז דאס פשוט, האבען זיי ניט בעדארפט זיין דער מורה הלכה בפני רבו, קומען צו גיין צו ר׳ שמלאי׳ן און עס זאגען, דאס קאנען מיר דיר דערציילען א נייעס אז אבי הבן קאן בענטשען על פדיון הבן, האבען זיי דאך גלייך בעדארפט אנהויבען פרעגען צי אבי הבן דארף מאכען שהחיינו.

דער צל"ח שטעלט זיך אויף דער קשיא, און פארענטפערט דאס, אז דער דיוק אין דערוף איז וואס דער נוסח פון דער ברכה איז על פדיון הבן ניט לפדות הבן, און ווי ער איז מבאר די שייכות וואס דאס האט צו שפעטער.

אבער במחילת כבוד תורתו, איז אויב אזוי, האט בעדארפט שטיין פארקערט, אז פשיטא אז אבי הבן מברך על פדיון הבן, און ניט דער סדר הפוך אז פשיטא על פדיון הבן האב מברך, און דארט שטייט בארניט דער נוסח הברכה (מען קאן ניט זאגען אז דארט מיינט מען דעם לשון על פדיון הבן דעם נוסח הברכה).

נאך

נאך מער הוכחה אין דערוף איז אז אין רא"ש און רי"ף וואס ברייבגען אויך אראפ דעם דין, איז דער גאנצער נוסח הברכה גארניט געבראכט, און שטייט אז ר' שמלאי'ן האט מען געזאגט אז פשיטא על פדיון הבן האב מברך, און דארט שטייט גארניט דער נוסח הברכה.

מען קאן ניט זאגען אז דארט מיינט מען דעם לשון על פדיון הבן דעם נוסח הברכה, ווארום אויב אזוי וואלט מען דאך געדארפט ברייבגען אין שהחיינו אויך דעם נוסח פון שהחיינו און דאס ברייבגט מען ניט.

וואס דערפון איז דאך א הוכחה אז אין דערוף גופא איז אויך געווען דער דיוק אז האב מברך ניט הכהן מברך.

און וואס מערער איז ניט פארשטאנדיק, און דאס איז אפילו נאך'ן תירוץ פון צל"ח שטעלט ער זיך גארניט אויף דערוף אויך.

בשעת ר' שמלאי לא הוה בידי' וקאתי לבי מדרשא און האט געפרעגט, 'האט ער דאך געפרעגט אויפ'ן פסק, ווער דארף בענטשן שהחיינו, האט מען דאך עם געדארפט ענטפערן בקצרה האב מברך, די גמרא איז אבער מסיים ניט אז מ'האט עם געזאגט האב מברך, מ'האט עם געזאגט האב מברך שתים, און מ'איז נאך מסיים והלכתא האב מברך שתים, ווער רעדט דא וועגען דער ערשטער ברכה על פדיון הבן, ניט וועגען דערוף איז געווען א ספק און ניט אויף דערוף דארף מען פסק'נען א הלכה.

און דער ביאור הפשוט בזה איז, אז אויב מ'וואלט ניט געמאכט די הקדמה אז פשיטא אז על פדיון הבן איז האב מברך, נאר מ'וואלט גלייך אנהייבען פון ספק, אז ווער דארף מאכען די ברכה פון שהחיינו צי דער כהן דמטיא הנאה לידי' צי דער אב וואס קעביד מצוה, וואלט ר' שמלאי בעקאנט זיך ברייבגען א ראי' אז פונקט אזוי ווי מ'זעט אז

על פדיון

על פדיון הבן האב מברך, אזוי דארף שהחיינו אויך האב מברך.

ווארום אין דער מצוה פון פדיון הבן איז דא כמה שותפין, אין דערוף איז דא דער אב וואס ער איז נצטוה געווארען את בכור בניך תפדה, ס'איז דא אין דערוף אויך דער בן וואס ווי די גמרא זאגט אין קידושין אז אויב לא פדאו איז דעמאלט דארף ער זיך אליין פודה זיין ווי מ'לערנענט דאס אפ פון פדה תפדה, און ס'איז אויך דא דער דריטער וואס נעמט אין דערוף אנטייל, דער כהן.

וואס לכאו' האט אן ארט א ספק אויך בנוגע צו על פדיון הבן ווער זאל מאכען די ברכה, צי זאל מאכען דער אב צי זאל מאכען דער בן און צי זאל מאכען דער כהן.

און אויף דערוף האבען זיי עס געזאגט אז אויף דעם ענין פון על פדיון הבן איז אע"פ וואס דארט איז פשוט אז אבי הבן מברך איז דאך אעפ"כ בלייבט נאך א ספק מצד דעם ענין פון שהחיינו, און די הוכחה פארוואס בלייבט דער ספק, איז דאס דער פשיטא אז על פדיון הבן האב מברך.

ווייל אין די מצוה פון פדיון הבן קאן דאך זיין צוויי הסברות, צי די מצוה ליגט אויפ'ן קינד נאר אזוי ווי ער קאן זיך ניט פודה זיין, ער איז אינגאנצען אלט דרייסיג טעג, איז דערפאר האט מען דאס ארויפגעלייגט אויפ'ן פאטער במקום הבן, וואס דעמאלט קומט אויס אז ניט דער פאטער איז דער עיקר שנתחייב במצוה, צמחייב במצוה איז דאס דער בן, וואס דאס איז ווי די גמרא זאגט אין קדושין אז עס ווערט אנגערופען מצוה דגופא דאס איז א מצוה וואס דאס איז אין דעם גוף פון דעם בן, נאר וואס דען, אזוי ווי ער איז א קטן, דארף דאס דער פאטער טאן בתור בא במקומו.

ס'איז דא א צווייטע הסברה, אז מלכתחילה איז דאס א מצוה על האב,

האב, נאר דערנאך איז אויב דער אב איז דאס ניט מקיים מאיזה סיבה שהי׳, איז דעמאלט גייט דאס אריבער על הבן.

למאי נפק"מ ומאי ביניייהו, איז דאס איז בשעת דער בן וואקסט אויף, און שוין געווארען בר מצוה, און דעמאלט זאגט דער בן אז ער וויל ניט אז דער פאטער זאל עם פודה זיין, ער וויל זיך אליין פודה זיין, און דער פאטער זאגט אז ער וויל עם פודה זיין, איז אויב מיר וועלען זאגען אז דער אב איז מחוייב מערנים ווייל דער בן איז איין ביכלתו, איז במילא ווען דער בן האט שוין א יכולת זיך אליין פודה זיין איז דעמאלט וויייגבסטענס איז ער בשוה להאב, און וויבאלד אז עס איז מצוה בו יותר מבשלוחו, ס׳איז א מצוה בגופו, האט דעמאלט בעדארפט זיין דער דין אז דער בן איז זיך פודה און דער אב האט דאס קיין רשות ניט.

און אויב אזוי וואלט געווען דער דין, בלייבט אויך ספק בנוגע צו שהחיינו, וואס וויבאלד אז דער ענין יזאס קעביד מצוה ביים אב׳איז דאס מערנים וואס ער טוט א מצוה במקום הבן דערפאר וואס דער בן איז שלא ביכלתו, איז דעמאלט אבער שהחיינו איז מצוה הבאה מזמן לזמן דערפאר וואס דאס איז א שמחה און מ׳איז געקומען צו אזא מין זמן אז דער אויבערשטער האט מזכה געווען מיט נאך א מצוה, וואס דערפאר איז אויף א מצוה דשכיחא ניטא קיין דין פון ברכת שהחיינו, איז דעמאלט ניט קיין ארט אז מ׳זאל זאגען אז דער אב זאל דוקא בענטשען שהחיינו און ניט דער כהן וויבאלד אז עביד מצוה, דעמאלט וויבאלד אז די שמחה איז דאס באמת ביים בן, דערפאר ווייל בא עם איז דאס א מצוה בגופו, און ס׳איז מערנים וואס איין ביכלתו לקיים איז דערפאר טוט דאס דער אב במקומו, איז קאן דאך דער כהן אויך מאכען שהחיינו, ווארום בא עם איז דאך אויך א שמחה און ער קאן דאך מוציא זיין דעם בן, און ביים כהן איז דאך דא נאך



א הוספה

א הוספה אז מטיא הנאה לידי׳.

בד"א אויב דער אב איז מברך מערניט ווען דער קינד איז א קטן, אבער בשעת ער איז א גדול האט דער בן דין קדימה, און דאס האט מען געזאגט ר׳ שמלאי׳ן אז דאס איז בא אונז פשיטא אט פארוואס איז דא די איבעיא בא שהחיינו, דערפאר וואס בא אונז איז פשיטא אז אשר קדשנו במצוותיו וצוונו על פדיון הבן האב מברך אלע מאל אן קיינע חילוקים,

ד.ה. אז ניט נאר ווען דער קינד איז קודם בר מצוה וואס ער איז נאך ניט מחוייב איז דעמאלט האב מברך, די גמרא זאגט ניט קיין הגבלות, ד.ה. אז אפילו אז דער קינד איז א גדול, און ער זאגט אז ער וויל זיך פודה זיין, זאגט מען ניין, אז האב מברך, דערפאר וואס דער עיקר הציווי איז אויפ׳ן אב, ס׳איז מערניט דא א לימוד פדה תפדה אז אויב דער אב האט ניט פודה געווען איז דעמאלט קאן זיך דער בן פודה זיין, אבער דאס איז ניט א ענין וואס איז תלוי בגדלות.

איז דאך דערפון א הוכחה אז די מצוה איז דאס דעם אב׳ס א מצוה, במילא איז דאך אויך בא עם די שמחה וואס דער אויבערשטער האט עם מזמין געווען זיינע א מצוה, האט דאס קיין ארט ניט אז אנאנדערער זאל פאר עם מאכען שהחיינו.

שהחיינו קאן מען אויך מוציא זיין א צווייטען ע"ד בשעת דאס איז פארבונדען מיט ברכת המצות, ע"ד ווי תקיעת שופר וקריאת המגילה וכיו"ב, אז מ׳מאכט אויך שהחיינו פאר׳ן צווייטען, אבער אין דעם פרט איז דאס ניט בשוה דער אב מיט׳ן כהן (וואלט געדארפט שהחיינו בענטשען דער כהן דערפאר וואס ער האט נאך דעם ענין פון מטיא הנאה לידי׳) נאר דא איז דער שהחיינו במיוחד דעם אב׳ס

דערפאר

דערפאר וואס על פדיון הבן, די ברכה אשר קדשנו במצוותיו וצונו על פדיון הבן איז האב מברך עד מאה ועשרים שנה, כאטש אפילו דער בן איז שוין געווען א גדול.

איז במילא בלייבט ביי זיי א ספק ווי דארף זיין בנוגע צו שהחיינו צי דאס איז א ענין וואס דער כהן מברך וואס מטיא הנאה לידי׳, אמת טאקע ער האט אויך א מצוה פון מתנות כהונה, און האט נאך אין דערוף די הוספה וואס מטיא לידי׳ הנאה, אבער אויף מתנות כהונה דארף מען ניט מאכען קיין שהחיינו דערפאר וואס דאס איז א מצוה דשכיחא, און דער ענין פון שהחיינו איז ניט מצד מתנות כהונה נאר מצד דער מטיא הנאה לידי׳.

און דערמיט איז אויך פארענטפערט די קשיא וואס מ׳פרעגט בא די אחרונים, אז אויף דערוף וואס מטיא הנאה לידי׳, דאס וואס ער באקומט געלט, אויף דערוף מאכט מען ניט קיין ברכה, עס איז דא א ברכה אדער בא כלים חדשים, אדער בא קנה בית חדש, איז דעמאלט מאכט מען שהחיינו, אבער ניט אז מ׳באקומט חמש סלעים.

דא איז אבער ניט קיין פשוטע געלט, דא איז מטיא הנאה וואס זי איז פארבונדען מיט מתנות כהונה, איז דאך דאס לכאורה ניט ערגער ווי כלים חדשים אדער בית חדש.

נאר וואס דען, די מצוה פון פדיון הבן איז ניט שייכות זאגען אז דאס איז דא ביים כהן, דערפאר וואס האב מברך על פדיון הבן, דאס איז מערניט ווי ביים אב, איז בלייבט בא עם די מצוה פון מתנות כהונה, און אויף מתנות כהונה מצד עצמם איז ניטא קיין שהחיינו.

אדער מ׳זאל זאגען אז האב מברך, אמת טאקע קיין הנאה האט ער ניט, ס׳איז דאך אבער קעביד מצוה, און ווי ס׳איז די הוכחה פון על פדיון הבן אז דאס איז ער תמיד מברך, איז דאס ניט א מצוה ע"ד ווי

מתנות

מתנות כהונה אז עס קאן אפגעטאן ווערען דורך אנאנדערען אויך, אבי מ׳זאל באקומען די חמשה סלעים, דאס איז א מצוה וואס זי איז במיוחד להאב.

דערפאר איז אויך אז קאתי לבי מדרשא, און האט געפרעגט, האט מען עס ניט געענטפערט סתם אז האב מברך שהחיינו, האט מען דאך געקענט אויף דערויף זוכען טעמים פארוואס און מהיכי תיתי, און וואס איז דער טעם בזה, נאר מ׳האט עס געזאגט אז די הלכה איז אז האב מברך שתיים, דאס גייט ביידע זאכען צוזאמען, מצד דעם טעם וואס האב מברך ברכה ראשונה, מצד דעם זעלבען טעם איז אויך פשוט אז ער דארף אויך בענטשען שהחיינו.

ווארום פונקט אזוי ווי ברכה ראשונה על פדיון הבן איז האב מברך, דערפאר וואס דאס איז בעיקר זיין מצוה במיוחד וואס דער אויבערשטער האט עס מזמין געווען א מצוה דלא שכיחא.

וואס דאס איז אויך דער דיוק אז עס דארף זיין די התחלה פון פשיטא אז ברכת פדיון הבן איז דוקא האב מברך, און דערנאך דער ענטפער אויף דערויף איז ניט סתם אז האב מברך שהחיינו, וואלט מען דאך געקאנט זוכען אויף דערויף כמה טעמים און זאגען אז דאס איז ניט גלייך צו כלים חדשים, זוכען ממעט זייך דעם ענין של כהן, זאגט מען ניין, דאס איז ניט פארבונדען מיט׳ן כהן, דער פס"ד היינגט אין דעם ענין וואס פונקט אזוי ווי דער אב איז מברך אין די ערשטע ברכה, אזוי איז ער מברך אין די צווייטע ברכה.

וואס דאס איז אויך דער ענין וואס דער סיום המסכת לכאורה וואס א שייכות האט ער צו דעם גאנצען ענין פון פסחים, ומבארים בזה אז וויבאלד אז אין מסכת פסחים איז מען מסיים מיט מצות הפסח און מצות הזבח, צי איין ברכה איז מוציא אויף א צווייטען ענין, מצות

און דערפאר ברייגנגט מען אויך א שאלה פון צוויי ברכות.

איז דאס אינגאנצען ניט פארשטאנדיק, דאס וואלט געווען א תירוץ אויף די גמרא, מען געפינט אבער אז אין ראַ"ש און רי"ף וואס זיי ברייגנען אראפ אומעטום די דינים ניט ווי זיי ווערען געבראכט אין די מסכת בש"ס, נאר אין די מסכת צו וועלכע זיי געהערען.

פרעגען אחרונים די קשיא, האבען זיי געדארפט ברייגנגען דעם דין פון פדיון הבן און שהחיינו אין מסכת בכורות וואס דארטען רעט זיך וועגען פדיון בכור, און מ'זעט אז סיי דער ראַ"ש און סיי דער רי"ף ברייגנגען זיי אראפ דעם דין אין סיום פון מסכת פסחים.

וכללות הענין הוא, דער ענין פון מסכת פסחים און ענין הפסח איז דאך דאס וואס בני בכורי ישראל, און דערפאר האט דער אויבערשטער געזאגט פרעה'ן ער זאל לאזען זיי פריי, און דערפון האט זיך אויך גענומען דערנאך די מסכת פון פדיון הבן, ווי ער זאגט אין חומש דעם טעם אויף דעם, אז אזוי ווי עס איז געווען בכורי ישראל, און די בכורי מצרים, די בכורי מצרים האט מען גע'הרג'עט ובכורי ישראל זיינען געבליבען לעבען, דערפון איז דאך געווארען די מצוה פון פדיון הבן.

און דאס איז די שייכות גאנצע מסכת פסחים מיט פדיון הבן, דהוא הענין, און אין דערוף אויך איז דא די שני ענינים, וואס מ'פרעגט די שאלה, דער ענין פון פדיון הבן האב מברך דאס איז א ענין פון פשיטא, דערפאר וואס ארויסנעמען אידען פון גלות איז דאס אן קיין שאלה ניט אז דאס איז א ענין פון למעלה פון סדר השתלשלות, ווארום בסדר השתל' איז דאך געווען די טענה בשעת יציאת מצרים, הללו עובדי ע"ז והללו עובדי ע"ז, ועד"ז אויך אין דעם גלות האחרון, קאן מען דאך קיינמאל ניט וויסען וואס עס טוט זיך אין ענינים היפך



פון מדת

פון מדת החסד.

וואס אויף דערוף זאגט מען דאך הנה זה בא מאדום חמוץ בגדים מבצרה ... (כ"ק אדמו"ר שליט"א בכה) ווי ער איז מסיים דארטען ואראה ואין עוזר ואתבונן ואין סומך אז דער אויבערשטער קוקט זיך ארום ... און זעט אז עס איז ניטא קיינער וואס זאל ארויסהעלפען ארויסנעמען אידען פון גלות ... און דערפאר איז דוקא ער אליין טוט דאס ... איז דאס אויך וואס מ'זאגט אז בשעת איקלע לפדיון הבן אדן מ'קוקט צו דרא דעקבתא דמשיחא, וואס דעמאלט איז שוין די מסיבה פון פדיון הבן ... עס איז דאך כלו כל הקיצין מיט די סימנים וואס ער רעכענט אויס אין סוף מסכת סוטה ... ביז וואנעט אז עס איז אויך דא דער ענין וואס אין לך כל יום ... שאין ... מרובה מחבירו, איז דאך דאס א דבר ברור אז איקלע לפדיון הבן, איז דא זאגט מען אז דאס איז פשיטא ... אז על פדיון הבן, אשר קדשנו במצוותיו וצוונו על פדיון הבן איז דאס איז האב מברך.

דער חילוק פון אבא און כהן איז, ווי ער איז מבאר אין ביאורי הזהר מיוסד אויפ'ן זהר, אז אב בכלל ביים דאס אויף א ענין פון אלפים שנה קדמה תורה לעולם, דער ענין וואס איז העכער פון סדר השתלשלות, נאר וואס דען, עס האט א שייכות צו סדר השתלשלות, דער כהן איש החסד דאס איז די התחלה פון קו הימין, וואס דאס איז פון די שבע מדות, און דער יום ראשון למעשי בראשית וואס דאס איז דער ענין פון כהן.

און אויף דערוף זאגט מען, אז בנוגע צו די עצם גאולה אליין, איז דאס איז פשיטא, עס איז א דבר פשוט ווי ער זאגט אין סוף סוטה אז אנו אין לנו להשען אלא על אבינו שבשמים ... דאס איז א דבר ברור אז האב מברך, עס איז מגיד דבריו ליעקב חוקיו ומשפטיו לישראל ... דאס וואס ער זאגט, מצוה לישראל לעשות, דאס איז ער אליין

אליין מקיים.

און אז הבטיח בתורתו אז קץ שם לחושך ... און ווי די גמרא פסק'נט אפ אז כלו כל הקיצין ... און ווי דער רבי דער נשיא הדור זאגט אז הנה זה עומד אחר כתלנו ... און מיט יארען צוריק איז געבליבען מערניט וואס מ'האט געדארפט צו פוצען די קנעפלאך ... איז דאס איז א דבר פשוט אז האב מברך ... ופודה את בנו בכורו מבין הגלות.

דאס וואס עס ווערט די שאלה, דערנאך איז די צווייטע ברכה, שהחיינו וקיימנו והגיענו לזמן הזה, אז די אלע עניבים דארף אראפ-קומען אין זמן ומקום למטה מעשרה טפחים ... וואס דאס איז דאך די גאולה האמיתית והשלימה ... אז יבא איש הוגה בתורה וואס דאס איז דאך כפשוטו דער טייטש א איד וואס איז ... מלובש בבשר ודם ... זאל זיין א הוגה בתורה און לוחם מלחמת הוי' ... כופה כל ישראל לדבקה בו, ווי ער רעכענט אויס בפרטיות אין רמב"ם, וואס אין דערוף דארף אראפקומען דער פדיון הבן למטה מעשרה טפחים ביז אין בשר ודם ביז אין חלק בעולם.

איז דא איז צוויי אופנים, ס'קאן זיין א סברא אז ... כהן מברך דמטיא הנאה לידי', אז וויבאלד אז דאס דארף אראפקומען למטה מעשרה טפחים איז דעמאלט מאכט שוין ניט אויס אז די גאולה, דער שהחיינו וקיימנו והגיענו לזמן הזה, זאל זיין דער קו החסדים, וואס דעמאלט וועט מען דארפ'ן פרעגען א דיעה בא אחשורוש'ן און מ'וועט דארפ'ן פרעגען א דיעה נאך בא כיו"ב, און עס וועט זיין קימעא קימעא און עס וועט גיין בדרך הטבע דערפאר וואס כהן מברך, עס איז מטיא הנאה לידי', מ'דארף דאס אראפגעמען אין א הנאה, במילא איז קיין נפק"מ ניט, מיט א ברכה, אן א ברכה, אבי סוף כל סוף וועט מען נהנה זיין ...



אבער

אבער בא אידען א ענין פון גאולה ... איז דאס גופא איז אויך א מצוה ... און ס'איז דא די תשובה פון חת"ס ... וואס ער איז ניט צופרידען פארוואס מ'שטעלט אריין אין די י"ב עיקרים דעם ענין פון ביאת המשיח, ער זאגט אז דאס איז ניט קיין עיקר, דאס איז א זיכערע זאך אז משיח וועט קומען, און א זיכערע זאך אז עס וועט זיין בעגלא דידן ... אבער ניט דאס איז א עיקר ... איך מיין בא אידען איז א עיקר ... תומ"צ ... און אין וואס פאר א אופן דאס איז ... איז ווי ער זאגט אין אבה"ק אנטקעגען דוד'ן, אז דוד האט בעזאגט אם כה יאמר השם ... איז אויך הנני ...

דער ענין אבער ווי עס איז אנגענומען בא כל ישראל ... איז דאך דאס די י"ב עיקרים ווי דער רמב"ם האט זיי איינגעשטעלט אין הקדמה פון פרק חלק אין זיין פיה"מ ... אז ביאת המשיח איז אויך א עיקר ... און דאס זאגט מען אז אפילו שהחיינו וקיימנו והגיענו לזמן הזה, דאס וואס דער פדיון הבן וועט אראפקומען אין זמן הזה און אין שמחת הגוף.

וואס דאס איז דאך אויך א תנאי אין ברכת שהחיינו, אז דאס דארף זיין פארבונדען מיט'ן גוף, מיט מטיא הנאה, איז דאס דארף זיין פון דעם אב ... אויך למעלה מסדר השתלשלות ווי דאס קומט אראפ אין סדר השתלשלות, וואס דעמאלט איז דאך בשעתא חדא וברגעא חדא איז יבא ויגאלנו ...

וואס דאס איז דאך ווי ער פסק'נט אפ אין רמב"ם, נגאלין מיד, ניט קמעא קמעא, און ניט מ'וועט אנפרעגען בא אחשורוש'ן און מ'וועט ניט אנפרעגען בא אין ווייס בא וועמען ... דאס איז דאך דער יום השם הגדול והנורא ... וואס יבוא ויגאלנו ניט דער כהן ... נאר דער אב ...

און דערמיט איז מען מסיים אז פריער האט מען געזאגט דאס בבי מדרשא, מ'האט דאס אזוי אפגעפסק'נט און אנגעזאגט אזוי אין ד' אמות של הלכה, דער תכלית פון א אידן איז אויף מאכען פון וועלט א תורה וועלט, איז מען דערנאך מסיים והלכתא, אין הליכות עולם, אז האב מברך שתיים, און סיי דער פדיון הבן און סיי דער אופן אין וועלכען דאס וועט ארפקומען אין לזמן הזה ... וועט דאס זיין פון אבינו שבשמים פון למעלה מהשתלשלות לגמרי, וועט אראפקומען די גאולה האמיתית והשלימה למטה מעשרה טפחים בטוב הנראה והנגלה בשובע שמחות, און ווי עס ווערט געבראכט אין חסידות, אין מיטעלען רבינ'ס חסידות, אז חבלי משיח ... וואס דאס ... איז דאס שוין געווען ... במדה, וכביכול למעלה מהמדה ... און עס וועט אראפקומען אין א אופן פון ביז אין הנאת הגוף מיט א גוף בריא ושלם, וואס דאס וועט ארויסגענומען ווערען פון גלות אין א אופן פון נגאלין מיד, דורך מלכא משיחא יבוא ויגאלנו בקרוב ממש למטה מעשרה טפחים.

ג. ציוה לנגן ואמר את המאמר ד"ה וידבר ה' גו' אחרי מות.

ד. דאס וואס אין מאמר איז ער מבאר בהנוגע צו בני אהרן, אז עס איז געווען דער ענין וואס לא נשאו נשים, איז ער דאך דאס מבאר אין עבודת השם, אבער עס איז דאך דער ענין איננו יוצא מידי פשוטו אז דאס איז געווען לא נשאו נשים.

און דאס איז דאך אויך וואס ער זאגט אין מאמר - דואס איז איצטער אגעדרוקט געווארען - אז דאס איז דער ענין וואס בן עזאי האט געזאגט אז נפשי חשקה בתורה און דערפאר איז לא נשא אשה, וואס דארט איז דאך דער ענין כפשוטו, ווי די גמרא דערציילט, וואס דערפון איז דאך מובן אז אזוי איז אויך בא בני אהרן, איז אויך געווען דער ענין כפשוטו.

וואס כאמור כמה פעמים איז דאך יעדער ענין אין תורה אפילו א ענין של סיפור איז דאס אויך א הוראה, אזוי איז דאס אויך אין דעם ענין, און מפרשים זיינען מפרש, אז וויבאלד אז דער ענין פון לא נשאו נשים איז דאך פארבונדען מיט לא לתהו בראה אלא לשבת יצרה.

וואס דערפון איז דאך פארשטאנדיק אז עס קאן זיין א עבודה פון אהבה בתענוגים ביז וואנעט אז תורה איז מעיד אז נכנס לפני ולפנים, און אעפ"כ איז אין וואס פעלט בא עס, אז עס איז ניטא דער וכפר בעד ביתו זו אשתו, איז דעמאלט פעלט דער עיקר ענין ביז אין לפני ולפנים.

וואס דערפון איז דאך פארשטאנדיק די אחריות וואס עס ליגט אויפ'ן ביתו זו אשתו, אז וויבאלד אז אין איר הייבט אפ אז די כניסה לפני ולפנים אן איר איז א ענין וואס איז ניט דער רצון העליון, דאס ווערט אנגערופען לתהו בראה, וואס מ'קאן זיין א גרויסער צדיק ביז א צדיק וואס אויף עס זאגט מען אז אוהב את ה' באהבה בתענוגים, און אעפ"כ זאל דאס זיין א ענין פון תהו ניט פון תיקון.

און אז פון תהו זאל ווערען תיקון, דאס מאכט איבער דער ביתו זו אשתו, וואס צוזאמען מיט די אחריות איז דאך אין הקב"ה בא בטרוניא עם בריותיו, ווערט בעגעבען אויף דערויף דער כח אויף אויס-פירען די אחריות, ד.ה. אז די הנהגת הבית קאן זיין אין אזא מין אופן אז מ'זאל לאזען דעם מאן מערנים ווי שתי ברירות, אדער עס זאל זיין דער ענין פון מעלה מעלה עד אין קץ, אדער מטה מטה עד אין תכלית, ד.ה. אין אנדערע ווערטער, אז בשעה ער איז נכנס לפני ולפנים ווייס ער ניט פון קיין ענין פון שוב, דערפאר וואס דאס איז ניט בהתאם צו הנהגת הבית עס זאל קאנען זיין א ענין פון לפני ולפנים, אבגעראטען פון וועלט, און דערפאר אז עס קומט דערנאך צו ביתו

ביתו זו אשתו, איז דעמאלט דער קצה השני, אז עס איז מטה מטה עד אין קץ, אז דאס איז חוץ אליין, מטה אליין, עס איז ניט ניכר אויף דערויף דער לפני ולפנים.

ווארום דאס וואס עס רעדט זיך אז אין תיקון סוף זיך אין רצוא אנהערעו די מעלת השוב, איז דאס א פשיטא וכ"ש וק"ו אז אין שוב מוז זיך אנהערען די נחיצות און די מעלת הרצוי, וואס אע"פ אז דירה לו ית' בתחתונים, איז דאך ווי געדעט דער ישב עולם לפני אלקים, אז אין דעם עולם והעלם והסתר איז וואס מאכט מען דא בהתישבות, ניט נאר אלקים, נאר לפני אלקים, דאס וואס איז העכער פון אלקים אין תכלית העילוי, אין דעם העכסטען אופן וואס מ'קאן זאגען דעם שם אלקים, וואס דאס איז דער ארט וואו דער הן ולאו זיינען בשוה.

און דאס דארף אראפקומען בהתיישבות אין דעם עולם, במילא איז דאך דארטען פילט זיך דער חשיבות פון דעם רצוא.

און פונקט אזוי ווי עס ווערט געמאנט פון דעם וואס איז נכנס לפני ולפנים ער זאל זיין אין א אופן אז די כניסה איז נכנס בשלום, וואס דערפאר איז תיכף ביציאתו איז ער מתפלל אויף פרנסה כפשוטה.

עד"ז איז מובן ופשיטא וכ"ש וק"ו אז בשעת מ'געפינט זיך אין יצא אדם לעבודתו ולפעלו עדי ערב, איז דארטען ווייס ער אז דאס איז ניט א ענין של חוצה נאר דאס איז א ענין וואס דארט דארף ווערען בהתיישבות דער אלקים.

און דאס היינגט אפ אן ביתו זו אשתו, אז מ'זאל זיך ניט דער-שרעקען טאמער דאוועגט דער מאן לייגגער מיט א שעה אדער נאך מערער, אדער טאמער לערענט ער לייגגער מיט א שעה אדער נאך מערער, וואס לכאורה איז דאך דאס ענינים פון לפני ולפנים, און וואס האט דאס

א שייכות

א שייכות צו וועלט, און בפרט לויט די הבנה והשגה פון וועלט,

איז דא זאגט מען אז פונקט אזוי ווי בא דעם מאן אז בשעת נכנס לפני ולפנים וואס ע־ביו למעלה, איז דעמאלט איז לפני ולפנים דארף זיך בא עם אנהערען אז עס דארף זיין בשלום, אז דאס וואס איז בחוץ מכל עניני הקדושה, איז דארטען דארף מען בעדיינקען אז די גאנצער מציאות איז כדי צו מחבר זיין און מאכען שלום פון פמליא של מעלה ביז אין פמליא של מטה שאין למטה הימנה.

און דאס הייגב אפ אז מ׳שטעלט אויף די הויז אין אזא מין אופן אז דאס איז א פשיטות אז וויבאלד אז דאס איז א אידישע הויז דארף דער מאן מאריך זיין בתפלה און ער דארף מרבה זיין אין לימוד התורה בשופי, וואס דעמאלט איז אויך פון דעם לפני ולפנים איז מען דערנאך ממשיך פרנסה כפשוטה, ע"ד תפלתו של כה"ג, און ע"ד ווי גערעדט אז מ׳קאן פועל׳ן אז ימים על ימי מלך תוסיף ושנותיו כמו דור ודור, און ווי עס זאל ניט זיין מצד בזכותא תליא מילתא, און ווי עס זאל ניט זיין מצד מזלא תליא מילתא, האט ער, ווי תוספות זאגט, א זכות גדול ווארום ער איז מאריך, נעמט ער דאס וואס איז העכער פון דעם אין מזל לישראל, און פון דארט איז ער מוסיף ווי ישראל שטייען אין א ציור פון כל ישראל מלכים הם.

און דאס איז די ריכטיגע הקדמה והכנה וכלי צו שנותיו כמו דור ודור, ביז צו דרא דמלכא משיחא, וואס דער ענין פון משיח׳ן וועט דאך אופטאן ניט בגאולה ברוחניות, וכידוע דער סיפור פון צ"צ מיט׳ן רבי׳ן מהר"ש, וואס דער רבי מהר"ש האט עס געזאגט אז מ׳וויל האבען משיח׳ן פשוט כפשוטו, און עס איז ניט מספיק דער גילוי אפילו פון פנימיות התורה, מ׳דארף דאס האבען אין דרא דמלכא משיחא, ער זאל זיך איינשטעלען אין א דור ושורה ווי אלע שורות פון גאנץ סדר השתלשלות, נאר דארטען זאל דאס זיין אזא מין דור ווי עס וועט זיין

זיין פון מלבא משיחא.

וואס דאס טוט מען אוף דורך דעם אופן אז אין דעם "ישב", דארט וואו מ'בלייבט אין דעם יצא, איז דארט איז דא פון לפני אלקים, און. דורך וואס איז דאס, דורך מקצה הארץ אליך אקרא, אז פון דעם קצה הכי התחתון ביז אין דעם ארט שאין למטה הימנו, פון דארטען איז דער אקרא, וואס ישראל עלו במחשבה אן קיין אויסנאם, ביז אין שלו במחשבה, ביז ווי עס רעדט זיך אין דעם מאמר אים מיט הפנים, אין דעם ארט וואו עס איז פשיטות הגמורה, וואס דאס איז עצמות אליין.

וואס דאס הייבט אפ אן ביתו זו אשתו, אז מ'מאכט פון דעם בית אז עס זאל זיין בית נכון, וכמבואר בארוכה אין דעם המשך מים רבים בסופו, אז דאס גייט בכללות אויף דעם ענין פון מלכות בית דוד, ובניתי לך בית נאמן.

איז דאס איז מען ממשיך כל אחד אין גאולה הפרטית שלו, בבית הפרטי שלו, אז דארט זאל ווערען א בית נאמן להשם ולתורתו, און דערנאך קומט דורך דערוף אראפ למטה מעשרה טפחים אויך די גאולה הכללית און דעם בית המקדש השלישי וואס דאס איז דער בית נצחי, וואס ער איז כבר בנוי בידי שמים, אבער מיר דארפען האבען עס זאל זיין דא, אז עיני בשר זאלען עס זען למטה מעשרה טפחים.

און דאס איז וואס דער רבי דער נשיא זאגט אז הנה זה עומד אחד כתלינו, אין דעם כותל איז שוין דא דער חרכים מיט די אלע שפאלטען מיט די חלונות וואס מ'האט געמאכט אין דעם כותל, און מ'דארף מערנים ווי משלים זיין, דעם מקה בפטיש, וואס דעמאלט ווערט מען ממשיך זיין אין דעם עולם פון דעם מקצה הארץ אליך אקרא. זאל מען ממשיך זיין ביז דא למטה מטה אין דעם ביתו זו אשתו און אין דעם ביתו כפשוטו, וואס דאס איז די ב"ב וכל חלקו בעולם וואס

דאס

דאס איז דאך ביתו של האדם, אז דערטען זאל מען אופמאכען א בית נאמן
כל הימים, אז אין די ימים על ימי מלך תוסיף זאל דאס ווערען דער
דור ודור דער דרא דמלכא משיחא יבא ויגאלינו בגלוי בקרוב ממש.

ה. עס איז דא א הבטחה אין תורה שבכתב 1), און אזוי ווערט אפגעפסקנט אויך אין תורה שבעל פה 2), און עס ווערט אויך ערקלערט אין פנימיות התורה, וואס אין אונזערע דורות איז דאס נתגלה געווארען דורך תורת חסידות חב"ד 3), אז "ואברכה מברכך", ד.ה. אז דער וואס בענטשט א אידן, איז דער אויבערשטער מבטיח, אז ער וועט אים בענטשן.

וואס ברכתו של הקב"ה, זאגט ער אין מדרש 4), איז תוספתו מרובה על העיקר. ווי גרויס עס זאל ניט זיין דער "עיקר", וואס הנותן בעין יפה נותן 5), און בעין יפה מברך 6), איז אין ברכתו של הקב"ה פאראן ניט נאר דער עיקר נאר אויך א תוספות, און וואס פאר א תוספות - א תוספות שמרובה על העיקר.

דער ביאור אין דעם:

כללות ענין הברכה איז המשכה פון שרש ומקור 7), ווי עס איז ידוע אז ברכה איז מלשון המבריך את הגפן, וכמבואר הראי' ממ"ש איש אשר בברכתו ברך אותם. ד.ה. אז ברכה טוהט ניט אויף קיין נייע זאך נאר זי איז ממשיך דאס וואס איז שוין דא אין מקור. נאר אזוי ווי עס קען דאך בלייבען בהעלם, אדער - נאר ברוחניות, אדער עס קען אראפקומען בגילוי ערשט לאחר זמן, אויף דעם איז ענין הברכה, אז ער איז דאס ממשיך בגילוי למטה מטה. משא"כ ברכתו של הקב"ה טוהט אויף א נייע זאך, דאס וואס עס איז נימא אפילו אין מקור.

---

1) בראשית יב, ג. 2) סוטה לח, ב. וראה ג"כ שו"ע אדה"ז חאו"ח סוסר"א.
3) ראה ד"ה אריב"ל כל כהן - ס' המאמרים תרכ"ט. 4) בראשית רבה פרשה סא, ד. תנחומא חיי שרה יו"ד (בשינוי קצת). חנוך לנער (קרוב לסופו).
5) ראה ב"ב נג, א. 6) ראה סוטה לח, ב. 7) ראה כמצוין בתו"א במפתח בע' ברכה.



דאס

דאס הייסט, אז אין ברכתו של הקב"ה איז דא אויך די מעלה פון תפלה, וואס תפלה האט דאך א מעלה אויף ברכה דערמיט וואס זי טוהט אויף אויך א רצון חדש, יהי רצון 8), איז ווי אין תפלתו של בשר ודם, אזוי ברכתו של הקב"ה האט אויך די מעלה, אז זי טוהט אויף א נייעם ענין, וואס איז העכער פון שרש ומקור של הנברא המתברך.

פון דעם איז מובן, אז דאס וואס מען זאגט אז אין דער ברכה פון "ואברכה" איז דא אתוספות מרובה על העיקר פון דער ברכה פון דעם "מברכך", איז דאס ניט סתם א תוספות, צוויי מאל אזוי פיל, דריי מאל אזוי פיל אדער נאך מערער, אבער אלץ בערך ובמדידה והגבלה, נאר ס'איז אן ענין שבאין ערוך, ווארום וויבאלד אז דער אויבערשטער איז ניט געבונדן ח"ו מיט שרש ומקור הנבראים, קען ער דאך געבן בלי גבול.

וויבאלד אז דאס איז אן ענין וואס עס שטייט אין תושב"כ, און אפגעפסקנט אין תושבע"פ ביז אין תלמוד ירושלמי, ועאכ"ו אז אויך אין בבלי, איז דאך דא דער דין אין חו"מ 9), און דער אלטער רבי ברייננט עס אין הלכות תלמוד תורה 10), אז דאס וואס עס שטייט טעה בדבר משנה חוזר 11), ווייל א משנה דארפן אלע וויסן, דאס איז געווען בזמן הגמרא. אבער בזמן הגאונים איז די זעלבע זאך ניט נאר בנוגע א דבר משנה, נאר אויך בנוגע אלע ענינים וועלכע שטייען אין גמרא, ובזמנינו איז דאס אויך בנוגע אלע ענינים וועלכע שטייען אין פוסקי ישראל, אפילו פון די שפעטערדיקע דורות.

איז דערפון פארשטאנדיק, אז וויבאלד דער ענין פון "ואברכה מברכך" איז א גמרא מפורשת, איז דאס א דבר ידוע ומפורסם לכל.

---

8) ראה לקו"ת תורת שמואל תרכ"ו ע' קנ ואילך, תרכ"ט בתחלתו.
9) הלכות דיינים סי' כ"ה ס"א. 10) פרק ב' סעיף א'.
11) סנהדרין ו, א. לג, א.

בנוגע לעניניגו: עס זיינען פאראן כמה וכמה וואס האבן בעבענ־
טשט, און בעוּוים בעין יפה ובלבב שלם, איז באמת האט מען בעדארפט
יעדערן באזונדער ענטפערן וכמנהג העולם,

וויבאלד אבער אז דאס איז א דבר ידוע ומפורסם, איז, ווי דער
לשון אין ירושלמי 12), "כבר מילתי אמורה", אז ס'איז שוין אפגעפסקנט
פון דעם אויבערשטן אליין, אז ער אליין בענטשט יעדערן בתוספות מרובה
על העיקר, און נים נאר א ריבוי שבערך נאר א ריבוי שלא בערך, כנ"ל.

עס זאל זיין ימים על ימי מלך תוסיף, וואס כל ישראל מלכים הם
13), אז דאס וואס עס קומט יעדערן בזכותו, און דאס וואס עס קומט
במזלו 14), און דאס וואס עס קומט מלמעלה וואס איז משנה את המזל 15)
זאל צוקומען אין דעם נאך דער "תוסיף", און עס זאל אראפקומען ביז
אין קצה הארץ, און ביז <u>אז</u> ישב עולם <u>לפני</u> אלקים 16), אין בני חיי
ומזוני רויחי בעניגים רוחנים.

אבער - דער מנהג העולם, וואס מנהג ישראל תורה היא 17), איז
דאך, אז מען זאגט צו יעדערן באזונדער, איז די וואס זיינען דא,
זאג איך דאס צו יעדערן באזונדער, און בעט מ'זאל עס איבערגעבן אויך
לאת אשר איננו פה, באותו מעמד ומצב, מעמד פון (כו"כ) עשרה מישראל
וואס שכינתא שריא 18),

אז עס זאל מקויים ווערן בפועל ממש אן העלמות והסתרים, און
בטוב הנראה והנגלה, ברכתו של הקב"ה בתוספת מרובה על העיקר, ביז

---

12) ספ"ח דברכות. 13) ראה ברכות ס, ב. הקדמת ת"ז (א' ב').
14) ראה בהתחלת השיחה. שביום הולדת נעשה <u>התגברות</u> בהמזל.
15) ראה תוד"ה אין (שבת קנו, א). המשך מים רבים תרל"ו פקע"ד.
16) ימים על .. קצה הארץ .. לפני אלקים - תהלים <u>סא</u>. ידוע המנהג (שקיבל אדה"ז מהה"מ בשם הבעש"ט) לומר בכל יום הקאפיטל תהלים המתאים למספר שנותיו (ראה קובץ מכתבים "תהלים" הוצאה צ').
17) ראה תוד"ה נפסל (מנחות כב, ב). ירושלמי פסחים פ"ד ה"א.
18) סנהדרין לט, א.

 אין

אין בני חיי ומזוני רויחי, כנ"ל.

(צוה לנגן הניגון והריקותי לכם ברכה עד בלי די. באמצע הניגון הפסיק ואמר:)

ו. עס איז דאך אעלה את ירושלים על ראש שמחתי – דער ארט וואו ס'איז בעווען "יראה שלם" 19), וואו ס'איז נתגלה געווארען תורת החסידות, ובפרט תורת חסידות חב"ד, וואס די ממשיכים בזה זיינען דאך די אידן וואס אין רוסלאנד און במדינות הסמוכות, סיי די וואס געפינען זיך נאך איצט דארטן, סיי די וואס געפינען זיך איצט מבחוץ פון די מדינות, ובפרט די אין כפר חב"ד.

וואס די אלע זיינען דאך נוטלים חלק בראש,

אויך די וואס האבן ניט געקענט שרייבן אדער איבערגעבן וכו',

איז דאס אבער כאילו וכו',

זאל דער אויבערשטער בענטשען אז יוציאם מן המיצר אל המרחב, עם כל הפירושים, בקרוב ממש, ובשובע שמחות, ובטוב הנראה והנגלה,

ובתוך כלל ישראל – זאל זיין והריקותי לכם ברכה עד בלי די, עד שיבלו שפתותיכם מלומר די 20).

(ניגנו עוד פעם את הניגון בריקוד. ואחרי הניגון והריקוד, אמר את המאמר ד"ה בדול העונה אמן יותר מהמברך).

ח. ס'האט דאך גערעדט אין דעם מאמר דאס וואס אין כתבי האריז"ל בריינגט ער אראפ דער ענין פון בן ששים לשיבה און בן חמישים לזקנה, וואס אזוי שטייט אויך אין ח"ז, אבער אין די גירסא אין די משנה בא אונז, וואס אזוי האט דאך אויך דער אלטער רבי ארייגעזטעלט אין די

---

19) ראה תוד"ה הר תענית טז, א, לקו"ת ראה כט, ד.
20) שבת לב, ב.

פרקי אבות וואס בסידורו, איז דאך די גירסא בן ששים לזקנה און בן שבעים לשיבה.

וואס אין דעם פרט איז דאס א מעלה — איך האב געהערט אמאל איינער האט דערציילט, אן עלטערער איד איז ער שוין געווען, זאגט ער מיר אז ער איז בטוח אז ער וועט נאך מאריך ימים ושנים זיין א סאך יארען, א איד זאגט אזוי בפשיטות, האב איך געפרעגט וואס איז אזוי די פשיטות, זאגט ער אז ער איז געווען ביים רבי׳ן, האט עם דער רבי געבענטשט אז ער זאל זיין א ירא שמים, במילא וויבאלד אז ער האלט נאך ווייט דערפון, און ער זעט נאך זיך אז עס דארף בא עם נעמען נאך א סאך צייט, א סאך יארען ביז ער וועט דאס ווערן, און דאס איז דאך בא עם קיין ספק ניט אז א צדיק האט עם געבענטשט וועט דאס זיכער בא עם מקוים ווערען, איז ער בטוח אז ער וועט מאריך ימים ושנים זיין א סאך יארען ביז ער וועט ווערן א ירא שמים —

ס׳איז דא אין זהר און אין כתבי האריז"ל, און עס ווערט אויך געבראכט אין ספרי מוסר דער טייטש מפני שיבה תקום, אז אויב די וועסט קומען לימי שיבה איז דעמאלט תקום, זאל מען זיך אוועק־שטעלען און תשובה טאן, אוועקשטעלען זיך במעמד ומצב הטוב.

במילא נאך די גירסא וואס מפני שיבה תקום אז דאס איז זיבעציג יאהר, איז נאך דא צען יאהר אויף צו מקיים זיין דעם ציווי פון תקום.

און וואס נאך מער פלא איז וואס דער צ"צ ברייננט אראפ בײדע ענינים צוזאמען, ער ברייננט אראפ די גירסא פון ששים לזקנה, און בן שבעים לשיבה, און גלייך נאך דעם דער ענין וואס שטייט אין כתבי האריז"ל מפני שיבה תקום.

וואס

וואס ווי אלע ענינים אין פנימיות התורה איז דא אויך א נפק"מ בנוגע צו נגלה דתורה, עס איז דאך דא דער חילוק ווי עס דארף זיין מפני שיבה תקום, איז דאך דאס דער חיוב אין קימה לפניו, און אויפשטעלען זיך און ווי ער פסקנט אפ אין שו"ע ע"פ נגלה דתורה ווי די בירסא, אז מפני שיבה תקום איז בן שבעים לשיבה, בן שבעים שנה, און לויט דעם כתבי האריז"ל הייבט זיך דאס שוין אן פון ששים שנה.

בכל אופן, בהנוגע לעניננו אז בן ששים לזקנה וזקן זה שקנה חכמה, וואס אזוי איז אפילו יניק אבי ער זאל זיין אויך א חכים, איז דאך דאס פארבונדען מיט'ן ענין פון חכמה וואס היא חכמתכם ובינתכם וואס דאס איז דער ענין פון לימוד התורה.

וואס אזוי געפינט מען דאך אויך בנוגע אין חסידות חב"ד, אנהייבענדיק פון דעם אלטען רבי'ן, איז אע"פ וואס דער שו"ע דעם אלטען רבי'נס איז דאך צום ערשטען מאל געדרוקט געווארען אין תקע"ד, ד.ה. לאחרי ההסתלקות שלו, משא"כ דער תניא וואס דאס איז דער תורה שבכתב און התחלה פון חסידות חב"ד איז דאך געווען אין תקנ"ז, עס איז דא אבער איין ענין אין שו"ע וואס דאס איז געדרוקט געווארען נאך פריער, וואס דאס איז הלכות ת"ת, וואס דאס האט דער אלטער רבי אגעדרוקט נאך אין שנת תקנ"ד.

וואס דאס איז דאך ע"ד ווי עס רעדט זיך כמה פעמים און עס ווערט אויך געבראכט אין לקו"ת פ' בחקותי, אויך דעם ביאור אז אשרי מי שבא לכאן ותלמודו בידו, אז אע"פ וואס אין ג"ע איז דאך דער לימוד אין פנימיות התורה, איז כדי מ'זאל צוקומען צו יענעם לימוד דארף זיין ותלמודו בידו, דער לימוד הנגלה בעלמא דין.

וואס דערפאר איז דאך אויך דער סדר בפועל אויבט זיך דאך

אן

אן התחלת הלימוד בנגלה דתורה כשהתינוק יודע לדבר איז אביו מלמדו תורה צוה לנו משה מורשה, און ווי ער רעכנט אויס בארוכה אין הלכות ת"ת לרבינו הזקן - וואס ווי גערעדט פריער אז דאס האט דער אלטער רבי צוגעדרוקט אין שנת תקנ"ד אפילו פאר ספר התניא, און דורך דעם וחלמודו בידו קומט מען דערנאך צו די ענינים פון בא לכאן, מ'לערנט דאן ענינים פון פנימיות התורה.

און דאס איז אויך דער כללות הענינים, בכלל ובפרט, וואס מ'קען זאגען בדרך אפשר, אויך דער סדר וואס דער אלטער רבי איז דאך ידוע בשם בעל התניא והשו"ע, איז אמת טאקע דער כללות ענין השו"ע האט זיך געדרוקט לאחרי התניא, און לאחרי חיים חיותו, אבער דער הלכות ת"ת וואס דאס איז דאך דער יסוד פון כל השו"ע - דערפון איז געווען די התחלה.

ואדרבה, ווי עס איז מבואר אין די ספורים פון דעם רבי'ן דעם נשיא, איז געווען בא כמה אנשים ובכמה מקומות וואס אזוי וואלט באוועגן אן ארט אז מ'זאל מנגד זיין און לוחם זיין אויף תורה החסידות, אבער דורך דערוף וואס עס איז נתפרסם געווארען הלכות ת"ת, וואס כאטש אפילו דער אלטער רבי האט ניט געוואלט מ'זאל שטעלען זיין נאמען, און מ'האט ניט געוואוסט ווער דער מחבר איז, און עד"ז איז אויך מיט'ן ספר התניא, איז דאך אויך אין די ערשטע דרוקען האט דער אלטער רבי ניט בעשטעלט זיין נאמען און מ'האט ניט געוואוסט ווער דער מחבר איז, ביז לאחרי ההסתלקות שלו.

אבער דערנאך האט מען זיך דערוואסט אז דאס איז דער אלטען רבינ'ס איז דאס האט מונע געווען מ'זאל ניט מנגד זיין אויף לימוד פנימיות התורה, אויף לימוד ספר התניא והחסידות בכלל.

וואס דאס איז דאך וואס עס קומט אראפ דער אשרי מי שבא לכאן ותלמודו

ותלמודו בידו, אין ענינים של פועל אפילו אין דעם מנגד און אין לעו"ז.

וואס אין הלכות ת"ת איז דאך דא ענינים וואס איז נוגע צו א תינוק, און ענינים וואס איז נוגע לכאו"א, און שוין בערעדט מערערע מאל שרייבט ער דארטען אז דאס וואס מ זאגט בן שמונה עשרה לחופה, און בן עשרים לרדוף בפרנסה, זאגט ער, אז אע"פ וואס ער ווערט דאך מחוייב בכל המצות פון בן שלשה עשר, אבער מ'דארף האבען אז מ'זאל זיצען און לערנען תורה ביז אז עס וועט זיין דער בן עשרים לרדוף.

וואס דערפאר בן שמנה עשרה לחופה איז דאך נאך צוויי יאהר פריער, איז ער דארט מסיים אז ב' וג' שנים לאחרי החתונה קאן ער אויך לערנען בלי טרדה יתירה עד שיוליד בנים הרבה.

וואס דערפון איז פארשטאנדיק אז ביז וואנעט עס וועט ניט זיין בנים הרבה קאן מען לערנען תורה, און תורה ווארט און מאנט אז מ'זאל לערנען תורה אין אזא מין אופן ווי מ'האט בעלערנט ביז בן שמונה עשרה לחופה.

מ'איז דאך שוין בעווינט געווארען אז בשעת איך זעץ זיך אוועק, איז ווי' אנדערע רופען דאס אן — קומט סוכ"ס ארויס א בזירה, איך ווייס ניט וואס איז דאס אן ענין של גזירה, מ'נעמט בא קיינעם ניט צו די בחירה חפשית.

אבער דער ענין איז, אז מ'דארף יעדער ענין פארבינדען מיט תומ"צ, ובפרט ע"פ חסידות חב"ד וע"פ הוראת נשיאינו אז וויבאלד אז דער אלטער רבי פסקנ'ט אפ פשוט א דין אין שו"ע שלו, וואס דערפון איז דאך פארשטאנדיק אז דאס איז שייך לכאו"א.

איז פסקנ'ט ער אפ אז ב' וג' שנים לאחרי החתונה קאן מען לערנען

לערנען תורה בלי טרדה יתירה עד שיוליד בנים הרבה.

וואס דערפון ווייס מען צוויי זאכען, אז דער וואס האט ניט בנים הרבה קאן עד כל ימיו לערנען תורה פונקט אזוי ווי ער האט געלערנט פאר בן שמונה עשרה לחופה, אפילו דער וואס האט בנים הרבה, איז אויך ב' וג' שנים דארף ער לערנען תורה בהתמדה ושקידה ווי עס איז געווען ביז שמונה עשרה לחופה קודם שנישא.

אזוי בכלל תורה איך דאך אן ענין שאי אפשר לה בתשלומין, ווארום יעדער רגע איז דאך מחויב בתורה, איז במילא איז דאך ניט שייך זאגען אז די שעה לערענט ער תורה אויף להשלים דאס וואס ער האט פארפעלט נעכטען, ווארום די שעה דארף ער לערנען תורה מצד עצמה, בעוונותינו הרבים זעט מען אבער אז אויב מ'זאל זאגען אז ער איז היינט מחויב בלימוד התורה האט ער אויף דערוף תירוצים, ער האט בנים הרבה און האט טרדות רבות, און ער האט אן ארט אין שו"ע אויף צו זאגען אז ער קאן יוצא זיין מיט לומד תורה לפרקים מיט די און די שיעורים, וואס ער האלט אן אין תושב"כ און תושבע"פ און אין תושבע"פ אליין סיי אין נגלה און סיי אין חסידות.

און דא קומט מען צו עס צוגיין און מ'זאגט עס, אפילו לטעמך אז דו ביסט יוצא מיט די שיעורים ווי דו ביסט אין דעם מעמד ומצב עתה, דארפסטו אבער משלים זיין ביז וואנעט בא דיר איז ניט געווען דער יוליד בנים הרבה, וואס ער האט יעמאלט געדארפט לערנען תורה, ע"ד ווי דו האסט געלערנט תורה איידער דו האסט געהאט טרדות, און דו האסט דאך דאס יעמאלט אזוי ניט געטאן, איז זיי דאס איצטער משלים, און די השלמה איז ווי ער זאגט אין אבה"ת בא א בע"ת אז הי' רגיל לקרות פרק אחר יקרא ב' פרקים, און הי' רגיל לקרות דף אחד יקרא ב' דפים.

וואס דאס האט זיך גערעדט פריער אז דאס איז נוגע לכאו"א,



אפילו

אפילו די וואס זיי שטייען אין א מעמד ומצב פון בנים הרבה און טרדות הרבה דארפען זיי אויב זיי האבען ניט געלערענט די ערשטע ב׳ וג׳ שנים, אדער פאר שמונה עשרה לחופה דער ענין פון לימוד התורה ווי דער אלטער רבי ווייזט אן אין הלכות ת"ת, דארפען זיי דאס איצטער ווייניגסטענס משלים זיין.

עאכו"כ די וואס האלטען נאך פאר שמונה עשרה לחופה, און אזוי ווי דאס האט נאך א השפעה און א פעולה איינע אויף די צווייטע, זעט מען בפועל אז דער וואס ווייסט אז מארגען וועט ער ווערען באפרייט פון לימוד התורה בהתמדה ושקידה, איז דאס שוין עם היינט מבלבל אין היינטיגער התמדה ושקידה, אדער אין אנדערע ווערטער דער וואס ווייסט אז מארגען שטעלט ער חופה, במילא קומט בא עם אויס אז ער דארף שוין טראכטען במה יפרנס את ביתו ואת זרעו אחריו, וואס וועט געבארען ווערען אין ב׳ וג׳ שנים, אדער אין שנה הראשונה, איז דאס עם שוין מבלבל ניט נאר אין שבעת ימי המשתה נאר פון די זמן התנאים און נאך פריער זינט מ׳האט עם בעזאגט אז ער איז שוין הגיע לפרק שידוכין, מען קאן שוין טראכטען וועגען א שידוך.

בשעת מ׳וועט וויסען אז ב׳ וג׳ שנים אחר החתונה קאן מען זיך פארלאזען אויפן אלטען רבי׳ן, אז מ׳קאן לערנען בהתמדה ושקידה און דאס וועט ניט אנרירען אין פרנסה, אפילו לאחרי זה האט ער א שעבוד שקודם לו, ער דארף באצאלען דעם חוב וואס ער האט ניט געלערנט אין די יארן וואס ער האט ניט געהאט קיין טרדות רבות.

איז דער שעבוד איז דאך קודם פאר דעם שעבוד פון שארה כסותה ועונתה, דארף ער דאך עס זיך באצאלען איידער ער ווערט צוטומעלט מיט דעם נייעם שעבוד, וועט דאס ניט נאר העלפעלן אויף דעם לימוד

אויף

אויף די ב׳ וג׳ שנים שלאחרי הנישואין, דאס וועט אויך העלפען אין לימוד שלפני זה, און דאס וועט העלפען אפילו אין דעם לימוד שלפני התנאים.

לאחרי אריכות הדיבור אין מטבע ארוך, איז בנוגע צו מטבע קצר איז, אז מ׳זאל מרבה זיין אין בן ששים לזקנה זה שקנה חכמה, פסקנט דאס די גמרא אז עס קאן זיין אפילו א יניק אפילו באר א קליינער אויב נאר ער וויל באמת, מיט א אמיתית קויפען דאס וועט מען עס דעמאלט געבען די חכמה, ווי דער מגיד פיישט אפ אין אור תורה הז״ דער אב, אבינו שבשמים וועט דאס מצמצם זיין אין אזא אופן אז דאס וועט קענען אנקומען צו עם אויך.

ווי ער זאגט אין תניא, אז ירדה מלמעלה ביז וואנעט אז נתלבשה אין אותיות הכתובות בדיו על הקלף כדי שכל הנשמה ורוח ונפש זאל דאס קענען לערנען און פארשטיין אין אן אופן וואס דאס וועט נתייחד ווערען ביחוד נפלא ועצום שאין יחוד כמוהו נמצא כלל דא אין אנדערע ענינים, איז דאס וועט עס געבען דער ענין פון קנין הסכמה אין אן אופן פון יניק זאל ווערען א חכם, ביז וואנעט עס וועט ווערען דער ענין פון והדרת, ווי ער איז מבאר דאס אין לקו"ת, און דאס וועט ממשיך זיין אז מ׳וועט מרבה זיין בתורה בשופי ובהתמדה ובשקידה אין אן אופן וואס ברכו בתורה תחלה, וועט דאס מוסיף זיין אין דעם ותלמודו בידו, און אין דעם פנימיות התורה וואס דאס איז דער ענין פון תורת החסידות בדורנו, און דאס וועט אראפברייבגען דעם קאתי מר דא מלכא משיחא בקרוב ממש.

(צוה לנגן הושיעה את עמך)

ט. ווי בערעדט פריער איז געפינט מען זיך דאך אין בעצילעט פעג פאר חג הפסח, און ווי מ׳האט שוין בערעדט כמה פעמים און אויך בעשריבן

בעשריבן און אויך בעדרוקט, איז א דבר טוב ונכון ביותר אז מ׳זאל טיילען מצה שמורה די וואס מצד עצמם האבען דאס ניט מאיזה סבה שתהי׳, ב׳ זיתים לכה"פ, ומה טוב א מצה אמצעים און מה טוב די שלשה מצות.

און אזוי ווי מצה איז דאך דאס די מיכלא דמהימנותא און מיכלא דאסוותא און די מיכלא וואס זי באווייזט אויף דעם ענין החירות, ווארום דעם ענין פון פסח איז דאך איצטער בגשמיות ניטא, דער ענין פון קרבן פסח, דער ענין פון מרור איז דאך מערניט ווי מדרבנן, וואס אמת טאקע חמורים דברי סופרים יותר מדברי תורה, דער ענין איז דאך בזמן הזה אויך דאורייתא, ווי זי איז געווען בזמן שביהמ"ק הי׳ קיים,

זאל דאס זיין די התחלה צו ביהמ"ק הי׳ קיים אויף ממשיך זיין מ׳זאל קאנען מקיים זיין בקרוב ממש דער ענין דאורייתא סיי אין מרור סיי אין פסח ובלשון הקבוע בברכה שתקנו אנשי כנה"ג, ונאכל שם מן הזבחים ומן הפסחים בקרוב ממש.

(התחיל לנגן אני מאמין).

* * * * * * * * * * * * *

* * * * * * * * * * *

* * * * * * * * *

* * * * * * *

* * * * *

* * *

*